NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00917

# KHAVER-PAVERS MAYSELAKH

Chaver-Paver

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יאָווער-פּאָוועס
# מעשהלאַך

יאַנקעלע-שנייעלע

אילוסטרירט
פון
אהרן גודעלמאַן


ארויסגעגעבן
פון
פארלאג „מתנות“
באם שלום עליכם פאלק אינסטיטוט
ניו יארק.

כאווער פאווערס מעשהלאך אין צוויי בענד.
ערשטער באנד: מייזעלע גנב און אנדערע.
צווייטער באנד: יאנקעלע שנייעלע און אנד.
אילוסטרירט פון א. גודלמאן.

*Copyright, 1925, by the*
*Sholem Aleichem Folks Institute*

ארויסגעגעבן מיט דער הילף פון דעם פרויען קלוב
„פאר די קליינע קינדערס וועגן“
בא דעם שלום עליכם פאלק אינסטיטוט.

# אַמאָל איז געווען אַ יתומל

איז אַ מאָל געווען א אינגעלע האָט ער געהייסן יאַנקעלע, איז זיין טאַטע-מאַ-מע געשטאָרבן. איז ער אַ יתומל געבליבן.

ליולינקע מיין פייגעלע, ליולינקע מיין קינד.

גייט ס'יתומל אום אין שטוב, וויינט און וויינט און קלאָגט: מאַמע, מאַמע, וואו ביזטו? טאַטע, טאַטע, איך האָב מורא.

ליולינקע מיין פייגעלע, ליולינקע מיין קינד.

וויינט ער אַזוי און וויינט. ענטפערט אים קיינער ניט אָפּ, זעצט ער זיך אויף דער ערד אַנידער, זיצט אַזוי פאַרטראַכט

ליולינקע מיין פייגעלע........

קומט צוגיין אַ קעצעלע. פרעגט ס'קעצעלע וואָס טראַכסטו? זאָג מיר וואָס ביזטו אַזוי טרויעריק. זאָג מיר, אוי, איך בעט דיך

ליולינקע מיין פייגעלע........

זאָגט יאַנקעלע צום קעצעלע: טייער ליב קעצעלע,
טאַטע־מאַמע ניטאָ און איך וויל שלאָפן

ליולינקע מיין פייגעלע........

זאָגט צו אים קעצעלע: שאַ, שאַ טייער יאַנקעלע,
שפּאר אָן דיין קעפּעלע אויף מיר, וועסטו קענען שלאָפן

ליולינקע מיין פייגעלע........

שלאָפט אזוי יאַנקעלע, שלאָפט אזוי ס׳יתומל,
ביז ער כאַפּט זיך אויף, וויינט ער, ער וויל עסן

ליולינקע מיין פייגעלע........

קומט צוגיין א קיעלע, זעצט זיך לעבן יאַנקעלען אנידער,
זויגט יאַנקעלע איר מילך, זויגט און זויגט און זויגט.

ליולינקע מיין פייגעלע........

איז שוין זאַט יאַנקעלע, איז שוין זאַט ס׳יתומל, וויל
ער זיך שוין שפּילן, האָט ער ניט מיט וועמען...

ליולינקע מיין פייגעלע........

קומט צוגיין א פערדעלע, זעצט זיך יאַנקעלע רייטנדיק,
לויפט אַרום ס׳פערדעלע, לויפט אַרום און שפּילט זיך

ליולינקע מיין פייגעלע........

אָפּגעשפּילט זיך יאַנקעלע, אָפּגעשפּילט זיך ס׳יתומל.
וויל ער טאַטע־מאַמע זען, אָבער טאַטע־מאַמע ניטאָ.

ליולינקע מיין פייגעלע . . . . . . . .

וויינט אַזוי ס׳יתומל, וויינט אַזוי יאַנקעלע, קומט צוגיין
זיין חברל, ווייסט ער ניט וואָס צו טאָן

ליולינקע מיין פייגעלע . . . . . . . .

קומט צופליען אַ פייגעלע, אַ פייגעלע מיט רויטע
פעררעלאַך, ווייסט עס אויך ניט וואָס צו טאָן.
נעמט עס און פליט אַוועק

ליולינקע מיין פייגעלע . . . . . . . .

וויינט אַזוי יאַנקעלע, וויינט אַזוי ס׳יתומל: קומט צו-
פליען אַ מלאכל, נעמט אים אַוועק צו טאַטע-מאַמע

ליולינקע מיין פייגעלע . . . . . . . .

איז שוין יאַנקעלע ניט קיין יתומל, ער האָט טאַטע-מאַמע
דערזען. פרייט זיך יאַנקעלע און לאַכט. פרייט זיך און
קוועלט אָן

ליולינקע מיין פייגעלע . . . . . . . .

איז שוין ס׳מעשהלע געענדיקט, דאַרף מען שוין שלאָפן.
שלאָף זשע טייער קינד. שלאָף זשע, נחתל דער מאַמעס

ליולינקע מיין פייגעלע, ליולינקע מיין קינד . . .

# דער ערשטער שניי



אַלט אַ רעגן אין שוואַרצן וואַלד,
שטייען די ביימער און זיינען זייער
טרויעריק. דער רעגן איז געפאַלן דריי
טעג מיט דריי נעכט, איז געוואָרן פון
דעם — טייכלאַך, טייכלאַך אומעטום.
זיינען די ביימער געשטאַנען, געקוקט
אין די טייכלאַך און געזען זיך אַליין, ווי זיי שטייען
אַזוינע טרויעריקע.

איז קיינער ניט געקומען אין וואַלד. אַ חוץ איינ־
מאָל איז אַ וואָלף אַ בייזער אַרויסגעלאָפן פון זיין באַ־
האַלטעניש, אַ וואָיע געטאָן איינמאָל און צוויי מאָל און
איז באַלד אַנטלאָפן ערגעץ וואו. אַ וועווריקל איז
אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים און האָט געזוכט אַ נוס.
געזוכט, גענישטערט און ניט געפונען. האָט עס זיך
צעוויינט. אויסגעוויינט זיך, איז עס צוריק אַראָפגעקראָכן
פונם בוים און איז אויך אַנטלאָפן.

איז ווייטער שטיל אין וואַלד, פאַלט אַ רעגנדל,
שטייען די ביימער און זיינען טרויעריק.

אויפן פערטן טאָג איז אַ קאַלטער ווינט אָנגעקו־
מען, פאַרטריבן דעם רעגן אין ים אַריין, געמאַכט פאַר־



פרוירן די טייכלאַך, דערנאָכדעם האָט זיך דער ווינט באַזעצט אויף אַ הויכן בוים און האָט אָנגעהויבן אויס־צופייפן לידער. זיינען געשטאַנען די ביימער און זיך איינגעהערט צו די לידער און זיינען געווען זייער צו־פרידן. אַזוי האָט דער ווינט אויסגעפייפט זיינע לידער ביז באַנאַכט. באַנאַכט איז דער ווינט אויף עמיצן בייז געוואָרן און האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קאָמאַנדעווען. ער האָט די ביימער אָנגעטאָן גרויסע צרות. ער איז געפלויגן מיט אַ שטורם איבערן וואַלד, געבראָכן די צווייגן, געבויגן די ביימער ביז צו דער ערד. געשריען, געגוואַלדעוועט און געוואָיעט ווי אַ בייזע חיה.

גאַנץ פרי איז אַרויס די זון אויפן הימל, האָט די זון געמוסרט דעם ווינט און האָט אַזוי געזאָגט: פע, שעמען מעגסטו זיך, דו קאַלטער ווינט. האָסטו געדאַרפט אַזוי אין כעס ווערן, האַ? האָבן דען די ביימער דיר שלעכטס געטאָן, וואָס דו האָסט געבראָכן זייערע צווייגן? וואָס האָסטו אַזוי געוואָיעט, ווי עמיצער וואָלט דיך גע־קוילעט?

איז דער ווינט פאַרשעמט געוואָרן, שטילער געוואָרן און האָט זיך פּאַוואָלינקע אַרויסגעגנבעט פונם וואַלד.

האָט די זון געשיינט, די ביימער האָבן געשמייכלט, געזאָגט איינס צום אַנדערן: אַ שאַד, וואָס מיר זיינען איצט נאַקעט. אין אַזאַ שיינעם טאָג וואָלטן מיר זיך געדאַרפט אויספוצן אין אונדזערע בעסטע קליידער. אָבער נית לאַנג זיינען זיי געווען פריילאַך, ווייל דער ווינט, אַרויסגייענדיק פונם וואַלד, האָט חרטה געקראָגן און צו

זיך אַליין אַזוי געטראַכט: וואָס איז דער זונס עסק, וואָס איך טו? וואָס איז זי מיר געקומען זאָגן דעות? האָט זיך דער ווינט צוריק אומגעקערט אין וואַלד און ווידער דאָרט אָנגעהויבן צו הוליען, אָנגעטריבן וואָלקנס איבערן הימל און פאַרשטעלט די זון. האָט זיך די זון ניט געוואָלט אונטערגעבן אָט דעם שייגעץ, דעם ווינט, האָט זי צעריסן די וואָלקנס און דורכגעשיינט. האָט דער ווינט זיך נאָך שטאַרקער צעהוליעט און געטריבן אויף דער זון וואָלקנס נאָך וואָלקנס. די זון האָט ווידער ניט געשוויגן און געריסן איין וואָלקן נאָכן אַנדערן, אַזוי האָבן זייביידע געפירט מלחמה ביז די נאַכט איז אָנגעקומען. איז געוואָרן פינצטער, דער ווינט איז מיד געוואָרן הוליען און האָט זיך באַרואיקט. האָבן זיך די ביימער אויך באַרואיקט און זיינען אַנטשלאָפן געוואָרן. אָבער פּלוצלינג אין שלאָף הערן זיי ווי פליגל רוישן, אַ סך, אַ סך. כאַפּן זיך די ביימער אויף מיט אַ גרויס דערשרעק. זען זיי: עפּעס שוואַרצע פייגל אומבאַקאַנטע, מאַרנע האָבן זיך אויף די ביימער, איבערן גאַנצן וואַלד, צעזעצט. קראַקען, קראַקען און זאָגן איינס צום אַנדערן: איאַ, גוט? איאַ גוט? מיר זיינען שוואַרץ, מאָרגן וועט טאַקע זיין ווייס. האָבן די ביימער ניט פאַרשטאַנען וואָס זיי מיינען און מורא געהאַט פאַר זיי, אָבער זיי זיינען ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן. אין שלאָף חלומט זיך זיי אַזאַ שיינער חלום: ווי ס'קומט עפּעס אַ קאַלטס און אַ ווייכס, נעמט זיי אַרום, האַלדזט זיי, קושט זיי און זאָגט זיי אַזוי: נייע קליידער וועט איר האָבן, אַ גאַל־

דענע זון וועט שיינען, וועט איר זיין אויסגעפּוצט ווי חתנים און וועט שמייכלען צו דער ליכטיקער זון. איז דער חלום פּלוצלינג איבערגעהאַקט געוואָרן, ווייל עמיצער האָט אָנגעהויבן צו קראַקען און שרייען: קוקט ווי זיי פּאַפּן. פוילע וואָס איר זיינט, איר זעט דען ניט עפּעס? אַנו, עפנט נאָר אייערע אויגן.

עפענען די ביימער זייערע אויגן און קענען גאָר ניט קוקן, אַזוי ווייס איז געוועזן. ווייס אומעטום. גיבן זיי אַ קוק יעדער אויף זיך: אַך, אַזוינע שיינע ווייסע קליידער. איז געוואָרן פריילאַך, איז אַרויס אַ גאָלדענע זון אויפן הימל. האָבן געקראַקעט די שוואַרצע פייגל און געזאָגט איינס צום אַנדערן: אַיאַ, ס'איז גוט? אַיאַ, ס'איז גוט? ווייס, ווייס....



# דוד



ווין, דער זומער איז ניטאָ. ערגעץ זיך אַוועקגעגאַנגען. איז געקומען דער הערבסט. איז געוואָרן קאַלט. זיינען אַלע קינדער פונם קעמפּ *) געוואָרן זייער טרויעריק.

איינמאָל מיטוואָך, רופן זיך אָן די לערער צו די קינדער: „איר ווייסט, מאָרגן וועלן קומען צופאָרן אַ סך אויטאָמאָבילן און וועלן אונדז אַלע אַהיים נעמען, אין שטאָט אַריין.

באַלד זיינען די קינדער געלאָפן צום וועלדל, זיך אָפּגעשטעלט דאָרטן און געזאָגט:

— וועלדל, וועלדל, זיי געזונט. מיר פאָרן מאָרגן אין שטאָט אַריין.

האָבן די ביימער זיך געשאָקלט; זיי זיינען געוואָרן זייער טרויעריק, און געזאָגט:

— פאָרט אייך, קינדער, און זייט געזונט.

זיינען די קינדער געלאָפן צום טייכל, זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

---

*) זומער קאָלאָניע.

— טײכל, שיפלאַך, זײַט געזונט, מיר פֿאָרן מאָרגן אין שטאָט אַרײַן.

זײַנען די װאַסערן אין טײכל געשפּרונגען, די שיפלאַך האָבן זיך געהוידעט: זײ זײַנען אויך געװען טרויעריק, און האָבן געזאָגט:

— פֿאָרט אײַך, קינדער, און זײַט אונדז געזונט!

דערנאָכדעם זײַנען אַלע קינדער אַרויפֿגעלאָפֿן אויפֿן באַרג. האָבן זײ דערזען, די פֿעלדער, אַרום און אַרום. האָבן זײ געזאָגט; — פֿעלדער, פֿעלדער זײַט געזונט, מיר פֿאָרן מאָרגן אין שטאָט אַרײַן! זײַנען די פֿעלדער געלעגן זײער טרויעריק, און זײ האָבן געזאָגט:

— פֿאָרט אײַך קינדער און זײַט אונדז געזונט!

דערנאָכדעם זײַנען אַלע קינדער געלאָפֿן אין די בײדלאַך אַרײַן און האָבן זיך געלײגט שלאָפֿן.

דוד אָבער האָט ניט געקענט אַנטשלאָפֿן װערן. ער איז געװען זײער טרויעריק.

דוד איז אַ יתום. זײַן מאַמע איז געשטאָרבן. האָט גענומען זײַן טאַטע און האָט אים געבראַכט אַ צװײטע מאַמע. האָט די צװײטע מאַמע ניט ליב דודן. האָט דוד זי אויך ניט ליב. אַז ס'איז געקומען דער זומער, האָט אים זײַן טאַטע געשיקט אין קעמפּ אַרײַן. איז דודן געװען אַזוי פֿרײלאַך: אַזוי פֿיל קינדערלאַך אין קעמפּ, אַזאַ שײן װעלדל, אַזאַ װאויל טײכל, און פּלוצלינג אינמיטן דרינען נעמט דער זומער און גײט זיך גאָר אַװעק. װיל דוד ניט פֿאָרן צוריק אין שטאָט אַרײַן. ער װיל בעסער בלײַבן אין קעמפּ. װאָס-זשע טוט מען?

טראַכט דוד, טראַכט און טראַכט, ביז ער איז געפאַלן אויף אַן עצה. פאַרטאָג, ווען אַלע זיינען נאָך געשלאָפן, האָט זיך דוד שטילינקערהייט אַרויסגעגנבעט פון ביידל, אַוועק אין וועלדל, זיך געזעצט אונטער אַ בוים. זיצט ער...

דערווייל זיינען צוגעפאָרן אַ סך אויטאָמאָבילן. אַלע קינדער מיט די לערער האָבן זיך אַריינגעזעצט. דער־נאָכדעם האָבן אַלע אויטאָמאָבילן געגעבן אַ פייף: טרו־טו־טו, און פאַרטיק....

דער קעמפּ איז געבליבן ליידיק. אַוועקגעפאָרן אַלע, און קיינער האָט אפילו ניט געוואוסט, אַז דוד האָט זיך באַהאַלטן אין וועלדל.

זיצט אַזוי דוד אונטערן בוים און טראַכט. איז פלוצלינג געקומען אַ האָז און האָט זיך אַנידערגעשטעלט אַנטקעגן דודן און קוקט אַזוי אויף אים.

פרעגט אים דוד: וואָס, אַ שטייגער, קוקסטו אויף מיר. ווילסט עפּעס זאָגן?

ענטפערט דער האָז: — וואָס זאָל איך זאָגן? ס'איז מיר נאָר קשה, וואָס טוסטו גאָר דאָ אין וואַלד. איך האָב געמיינט: אַז אַלע קינדער, די מזיקים, זיינען זיך שוין אַוועקגעפאָרן, וועל איך שוין ניט דאַרפן קיין מורא האָבן גיין שפּאַצירן איבערן וואַלד, און פלוצלינג איך גיב אַ קוק: אַהאַ, דוד איז נאָך געבליבן.

זאָגט אים דוד: — פע, שעמען מעגסטו זיך, ביזט עפּעס אַ פיצל קינד, וואָס דו האָסט מורא? ענטפערט דער האָז: איך שעם מיך טאַקע, נאָר איך האָב פאַרט

מורא. פּאַראַיאָרן האָט מיר איינער געוואָרפן אַ שטעקל אין פּיסל, טוט מיר נאָך איצט ווי.

זאָגט אים דוד: שאַ, שאַ, איך וועל דיך ניט טשעפּען. זאָג מיר נאָר, האָסטו הייסט עס אַליין געזען, ווי אַלע קינדער מיט די לערערס זיינען אַהיים געפאָרן?

זאָגט דער האָז: וואָס איז, איך וועל דיך גיין אָפּנאַרן? איך האָב אַליין געזען מיט מיינע אויגן, ווי זיי זיינען אַלע אָפּגעפאָרן. ס'איז נאָר געבליבן דער אַלטער דזשאַן, וואָס גייט שטענדיק און הוסט.

איז דוד געוואָרן זייער פריילאַך, אַז ער האָט דאָס דערהערט. ער האָט געזאָגט דעם האָז אַ גוטן טאָג, און איז זיך געגאַנגען שפּאַצירן איבערן וועלדל.

גייט זיך דוד איבערן וועלדל און זינגט זיך אַזאַ לידל:

דער זומער איז אַוועק,
אַנ'עק, אַנ'עק, אַנ'עק.
דער הערבסט איז שוין דאָ.
אין אַ גוטער שעה.
בין איך געבליבן אַליין,
גוט איז דאָ און שיין
וועל איך שפּרינגען, טאַנצן,
עסן באַרן מיט מאַראַנצן.

גייט ער איבערן וועלדל און זינגט זיך, ביז ער איז געקומען צום טייכל. זעט דוד, ווי באַם ברעג איז געשטאַנען אַ שיפל און האָט זיך געהוידעט. הערט ער,

ווי ס׳שיפל זאָגט אַזוי: אוי, ס׳איז מיר אַזוי אומעטיק, אַלע קינדער זײַנען אַוועק. ווער־זשע וועט אויף מיר זיך שיפן?

פאַרוואונדערט זיך דוד און טראַכט צו זיך אַליין: אַזוי גאָר, אַ שיפל קען אויך ריידן!... און איך האָב ניט געוואוסט.

וואָס־זשע האָט דוד געטאָן? ער איז שטילינקער־הייט צוגעגאַנגען צום שיפל און מיט אַ מאָל געגעבן אַ שפּרונג אַריין.

האָט זיך ס׳שיפל שטאַרק דערשראָקן, ס׳האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, און אַ געשריי געטאָן: אוי, מאַמע...

צעלאַכט זיך דוד.

גיט ס׳שיפל אַ קוק: ס׳איז גאָר דוד. האָט זיך עס אויך צעלאַכט.

רופט זיך אָן דוד: אַ נו, שיפעלע דו מײַנס, גיב זיך נאָר אַ ריר, און גיב זיך אַ שיף גיך, געשווינט, וועט דיר שוין ניט זײַן אומעטיק.

האָט ס׳שיפל זיך אַ ריר געטאָן און האָט זיך גע־געבן אַ שיף גיך און געשווינט. שיפט זיך אַזוי דוד איבערן טײַכל און זינגט אַלערליי לידלאַך.

אַזוי איז זיך דוד געפאָרן אַ גאַנצן טאָג און ס׳איז אים געווען זייער פריילאַך. איז אָבער געקומען די נאַכט, איז געוואָרן פינצטער און ס׳איז געוואָרן קאַלט. ס׳שיפל איז תיכף אַנטשלאָפן געוואָרן, נאָר דוד איז געבליבן זיצן איינער אַליין אין דער פינצטערער נאַכט. איז דודן געוואָרן קאַלט, האָט ער שוין געוואָלט שלאָפן און קיי־

נער איז גאָר ניטאָ, האָט גענומען דוד און זיך צעוויינט.

דערווייל האָט דער אַלטער דזשאַן, וואָס גייט און הוסט, געהערט ווי עמיצער וויינט: טראַכט ער באַ זיך, ווער קען עס וויינען? אַ נו לאָמיר נאָר צוגיין אַ קוק טאָן. איז דזשאַן צוגעגאַנגען צום טייכל אַזוי שטיל, שטיל און האָט געטראָפן. טרעפט ווען? אודאי דודן. רופט זיך אָן דער אַלטער דזשאַן צו אים: איי, דו שייגעץ איינער, פאַרוואָס ביזטו ניט אַוועקגעפאָרן היינט גאַנ׳ץ פרי מיט אַלע קינדער אין שטאָט אַריין? זאָגט דוד: איך וויל ניט פאָרן אין שטאָט אַריין, מיין צווייטע מאַ־מע האָט מיך ניט ליב, האָב איך איר אויך ניט ליב, איך וויל בעסער בלייבן דאָ. זאָגט אים דזשאַן: וואָס הייסט, דו ווילסט בלייבן דאָ? אָט וועט באַלד קו־מען דער ווינטער, עס וועט פאַלן אַ שניי, ס׳טייכל וועט פאַרפרוירן ווערן, ס׳וועלדל וועט זיך לייגן שלאָפן אויף אַ גאַנצן ווינטער און דיר וועט זיין אומעטיק.

רופט זיך אָן דוד: ווייסטו וואָס, אַלטער דזשאַן, אַז דער ווינטער וועט קומען און ס׳וועט פאַלן אַ שניי און ס׳טייכל וועט פאַרפרוירן ווערן און ס׳וועלדל וועט זיך לייגן שלאָפן, וועלן מיר פאַרשליסן די טיר, מיר וועלן איינהייצן דעם אויוון און דו וועסט מיר דערציילן שיינע מעשהלאַך.

זאָגט דזשאַן: גוט.

איז געקומען דער ווינטער, האָבן זיי איינגעהייצט דעם אויוון און דער אַלטער דזשאַן האָט דערציילט דודן שיינע מעשהלאַך...

# דער שוואַרצער מאָפּס

ס'איז אַמאָל געווען אַ הונט, איז ער געווען אַזוי גרויס, אַזוי גרויס, טאַקע נאָר ווי אַ קעלבל. און ער איז געווען שוואַרץ, אַזוי שוואַרץ, טאַקע נאָר ווי שוואַרצע טינט. און גערופן האָט מען אים: דער שוואַרצער מאָפּס.

און אַלע קעצעלאַך מיט די ציגעלאַך, מיט די הינטעלאַך, מיט די ליאַלקעס, מיט די הינער מיטן האָן, מיט דער גאַנצער וועלט האָבן מורא געהאַט פאַר אים. אַז דער שוואַרצער מאָפּס גיט אַ ביס, האָט מען צו פּילן אויף מיליאָנען יאָרן. און אַז דער שוואַרצער מאָפּס גיט אַ האַווקע, איז אַקוראַט ווי ס'טוט אַ דונער.

איז האָבן אַלע אַזוי מורא געהאַט פאַר אָט דעם שוואַרצן מאָפּס און האָבן אים געמוזט אַוועקגעבן אַלע שפּילכלאַך מיט אַלע איבערבייסנס.

גאַנץ פרי, אין דער צייט ווען די קינדער גייען אין שולע אַריין, פּלעגט זיך דער שוואַרצער מאָפּס אַנידערשטעלן אינמיטן וועג. גייט משהלע און טראָגט אין זיין קאַשעקל אַ גוטן איבערבייסן. צוויי רעפּטלאַך ברויט מיט אַ רויטן עפּל און מיט אַ צוקערקע.

פרעגט אים מאַפּס: משהלע, וואָס טראָגסטו אין דיין קאָשעקל?

זאָגט אים משהלע: איך טראָג מיין איבערבייסן אין מיין קאָשעקל.

רופט זיך אָן מאַפּס: אַזוי, איבערבייסן אין דיין קאָשעקל, אַנו, גיב עס אַהער.

וויל מסתמא משהלע ניט געבן — גיט אָט דער מאַפּס אַ שפּרונג אויף משהלען, צעלייגט אים אויף דער ערד, כאַפּט אויס בײַ אים דעם איבערבייסן און האַווקעט זיך נאָך גוט אויס אויף אים.

דערוויייל קומט אָן דבורהלע און טראָגט אויך אַ גוטן איבערבייסן, ברויט מיט איינגעמאַכטס, פאַלט אָן דער שוואַרצער מאַפּס אויך אויף דבורהלען און נעמט עס בײַ איר צו.

אַזוי בײַ יאַנקעלען און בײַ לייבעלען און בײַ אהרעלען און בײַ שמואליקלען. בײַ אַלע קינדערלאַך פלעגט אָט דער שוואַרצער מאַפּס צונעמען די איבער־בייסנס, ביז ער האָט געהאַט אַזש אַ גאַנצן באַרג מיט איבערבייסנס. וואָס נאָר איר ווילט איז דאָרט געווען: אי איינגעמאַכטס, אי ברויט מיט פּוטער, אי צוקערקעס, אי באַרן, אי עפּל, וואָס נאָר איר ווילט. וואָס־זשע פלעגט מאַפּס טאָן מיט אַזוי פיל איבערבייסנס?·

ער האָט זיך גוט גוט אנגעגעסן און שוין. און אַלע קינדערלאַך זיינען געבליבן הונגעריק.

אַז מאַפּס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעגעסן, איז ער געגאַנגען זיך לייגן שלאָפן און האָט פאַרזאָגט דעם קע־

צעלע, זי זאָל ניט מיאַקען, ס'הינטעלע זאָל ניט האַווקען, די הינער זאָלן ניט קוואַקען און די טעקעלאַך זאָלן ניט לאַכן, ווייל ער, דער שוואַרצער מאַפּס, דאַרף שלאָפן.

הכלל, די גאַנצע וועלט האָט געדאַרפט שווייגן און מורא האָבן צו זאָגן עפּעס אַ וואָרט אַנטקעגן דעם שוואַרצן הונט.

איינמאָל נעמען זיך צענויף אַלע קעצעלאַך מיט די הינטעלאַך, די הינער מיטן האָן, די ליאַלקאַלאַך מיט אַלע קינדערלאַך, משהלע, שרהלע, דבורהלע, לייבעלע, אהרעלע, פרומעלע, דודל, ברײַנעלע, קרוינעלע, — אַלע, אַלע קינדערלאַך, און מע זעצט זיך אַזוי אַנידער און מע קלאָגט זיך אויף דעם שוואַרצן מאַפּס.

משהלע זאָגט: אוי, בין איך הונגעריק! דער מאַפּס האָט היינט בײַ מיר צוגענומען דאָס איבער־בייסן.

דאָס קעצעלע קלאָגט זיך נעבאַך, אַז דער שוואַר־צער בייזער מאַפּס האָט'ס אַ בּיס געטאָן אין אַ פּיסע־לע, טוט דאָס אים אַזוי וויי, אַזוי וויי.

דער האָן דערציילט, ווי מאַפּס איז היינט נאָכ־געלאָפן זיינע הינער און זיי געוואָלט צערייסן. האָבן זיך די הינער אַזוי איבערגעשראָקן, אַז זיי זיינען געפאַלן חלשות, און ער, דער האָן, האָט זיי קוים דערמינטערט.

דאָס הינטעלע קלאָגט זיך, אַז דער מאַפּס לאָזט אים גאָרניט רוען, נאָר שטענדיק מוז דאָס שטיין לעבן אים, ווען ער שלאָפט און פון אים אַראָפּטרייבן די פליגן,

וואָס דערקוטשען אים און טאַמער גייט׳ס נאָר אַוועק, אַזוי כאַפּט זיך אויף דער מאַפּס און וויל׳ס נאָר צערייסן.

הכלל, אַלע, אַלע האָבן זיך געקלאָגט אויף דעם מאַפּס. וואָס־זשע האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן גענומען אַלע אינאיינעם וויינען.

פאַרדריסט דעם האָן די מעשה: וואָס הייסט, מע וויינט גאָר? כאַפּט ער זיך אויף, גיט אַ פּאַטש מיט די פליגל און גיט אַ געשריי: קו־קו־רי־קו! וואָס האָט איר זיך צעוויינט? פּע, שעמען מעגט איר זיך! גאָר מורא האָבן פאַר דעם שוואַרצן מאַפּס?

— אַנו, קינדערלאַך, הינטעלאַך, קעצעלאַך, הינער, ליאַלקעלאַך: נעמט נאָר גרויסע שטעקנס און גייט נאָך מיר.

נעמען זיי אַלע גרויסע שטעקנס. דער האָן שטעלט זיי אוים צו צוויי, פּונקט ווי סאָלדאַטן. אַליין גייט ער פון פראָנט און שרייט: איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי.

דער הונט איז זיך דאַמאָלסט געלעגן צעלייגט און האָט געקוקט אויפן הימל, ווי פייגעלאַך פליען, און ווייסט פון גאָרנית. פּלוצלינג, ער גיט אַ קוק: ווייי! קינדערלאַך, קעצעלאַך, הינטאַלאַך, טעקעלאַך, הינער מיטן האָז, אַלע מיט אַזוינע גרויסע שטעקנס האָבן אים אַרומגערינגלט און מע וויל אים נאָר דערהרגענען. האָט זיך מאַפּס זייער דערשראָקן און האָט געוואָלט אַנטלויפן. קען ער אָבער ניט: פון אַלע זייטן שטייט מען מיט


מ.גורד

שטעקנס. הייבט זיך דער הונט אָן צו בעטן בײַ דער חברה:

— איך בעט אײַך, שלאָגט מיר ניט, איך וועל שוין פֿון הײַנט אָן און ווײַטער קיינעם ניט טשעפּען.

רופֿט זיך אָן דער האָן: קינדער, גלייבט אים ניט, בינדט אים בעסער.

ווי נאָר דער האָן האָט דאָס געזאָגט, אַזוי תּיכּף האָט מען דעם הונט געבונדן. רופֿט זיך אָן דער האָן:

— חברה, אַנו לאָמיר אים נעמען צום וואַלד.

איז אַז די חברה האָט אים אַ שלעפּ געטאָן, איז מען אין איין מינוט שוין געווען בײַם וואַלד.

זאָגט דער האָן: אַנו, קינדער, לאָמיר אים דאָ איבערלאָזן און מיר וועלן זיך אַוועקגיין.

וויינט דער הונט און בעט זיך: נעמט מיך מיט, איך האָב מורא צו זײַן אַליין אין וואַלד.

הערן אים ניט די קינדער, גייען זיי אַוועק און רייצן זיך מיט אים:

הונט קאַפּונט,
ליג דאָ אין וואַלד,
ס'וועט דיר זײַן קאַלט.
וועסטו שוין ניט רײַסן
בײַ די קינדער דאָס איבערבײַסן.
און מיר וועלן לאַכן,
זיך פֿריילאַך מאַכן,
וועלן טאַנצן און שפּרינגען
און וועלן תּמיד זינגען.

# די שטומע מאַמע

שטייט זיך אַ ווייס הייזל באַם עק פון דאָרף, שטייט זיך אַליין אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע הייזלאַך אין דאָרף.

פאַרטאָג ווען די זון גייט אויף, זאָגט זי איר ערשטן גוטמאָרגן דעם הייזל מיט די ווייסע ווענט און מיט די צוויי קליינע פענצטערלאַך. פאַרנאַכט, ווען די זון פאַרגייט, זאָגט זי איר לעצטן זיי-געזונט נאָך אַ מאָל דעם הייזל מיט די ווייסע ווענט און מיט די צוויי קליי-נע פענצטערלאַך.

שטייט דאָס הייזל באַם סאַמע עק. דאָרט ענדיקט זיך דאָס דאָרף און ס'הייבט זיך אָן אַ ברייטער, לאַנגער וועג, וואָס פירט אין פעלד און אין וואַלד אַריין. פאַר-טאָג גייען די פויערים אין פעלד אָדער אין וואַלד האַלץ האַקן, דערזען זיי ווי די זונען שטראַלן טאַנצן אַרום אויף די קליינע פענצטערלאַך פון הייזל און שפּילן זיך אַזוי שיין. גיבן די פויערים אַ שמייכל און זאָגן: „זיי געזונט, זיי געזונט“ ביז פאַרנאַכט, ווען די זון פאַרגייט און די פויערים, מידע פון דער אַרבעט קערן זיך אום אין דאָרף אַריין, דערזען זיי ווידער אַמאָל ס'הייזל, וואָס איז אינגאַנצן רויט פון דער זון, גיבן זיי ווידער אַ שמייכל

און זאָגן: אַ גוט אוונט, אַ גוט אוונט דיר, ערשט ווייס הייזל פון אונדזער דאָרף, און איילן זיך אַ היים וועטשע-רע עסן.

ווינטער באַנאַכט, ווען עס קאָמאַנדעוועט אַ שטאַר-קער ווינט און פאַרשיט אַלע וועגן מיט שניי, פאָרן די פויערים אויף זייערע שליטנס, פאָרן און פאָרן, און בלאָנ-דזשען אויף די פאַרשנייטע וועגן און קענען ניט טרעפן דעם וועג אַ היים, דערזען זיי אָבער פלוצלינג אַ שיין פון דערווייטנס. ווערן זיי באַלד פרייליכער און הויבן אָן צו טרייבן גיך, גיך, זייערע פערד, גלייך צו דעם אָרט, פון וואַנען די שיין קומט. געשיקט האָט די שיין דאָס לעמפל, וואָס שטייט אין דעם הייזל אויפן טיש אַנט-קעגן די פענצטער. געשיקט די שיין אין ווייטן פעלד און אין פינצטערן וואַלד אַריין צו דערפרייען די פאַר-בלאָנזשעטע פויערים. האָבן אַלע ליב געהאַט דאָס הייזל.

געוואוינט האָט אין דעם הייזל אַ שטומע פרוי. די פרוי האָט גאָר ניט געקענט ריידן, נאָר אַז זי האָט באַדאַרפט עפּעס זאָגן, האָט זי געמאַכט מיט די הענט אַלערליי סימנים, האָבן שוין מענטשן פאַרשטאַנען, וואָס זי וויל. געלעבט האָט זי דערפון, וואָס זי האָט גע-וואַשן פרעמדע וועש אין טייכל, וואָס איז פאַרבייגעלאָפן דעם דאָרף. זי האָט ניט געהאַט, ניט קיין חבר-טעס, ניט קיין פריינט. אַז זי האָט ניט געקענט ריידן, וואָס-זשע האָט זי געקענט טאָן? געוואַשן וועש אַ גאַנצן טאָג... פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט פלעגט זי זיך אַנידערזעצן אויף דער פריזבע און קוקן אויף דער

וועלט, קוקן, קוקן און מער גאָר ניט.

איינמאָל, זומער פאַרטאָג, גייען די פּויערים אין פעלד אַריין אַרבעטן, גייען זיי פאַרביי דעם הייזל, הערן זיי פּלוצלינג ווי אַ קינד וויינט. גייען זיי אַריין אין שטוב אַריין, גיבן זיי אַ קוק: די שטומע שטייט און וואַשט אַ פּיצל קינד אין אַ שיסל וואַסער און אַליין איז זי אַזוי פריילאַך. זיינען די פּויערים אויך געוואָרן פריילאַך, וואָס די שטומע האָט געבוירן אַ קליין אינגע־לע, וועט זי שוין ניט זיין אַזוי טרויעריק. האָבן זיי איר אָפּגעגעבן „מזל טוב“ אויף שטום לשון, האָט זי זיי גע־ענטפערט אויך אויף שטום לשון „מיט מזל זאָלט איר לעבן“. זיינען זיך די פּויערים אַוועקגעגאַנגען פריילאַכע אין פעלד. אָבער די שטומע איז געווען טויזנט מאָל פריילאַכער פאַר זיי.

לויפן אַזוי פאַרביי עטלאַכע וואָכן. פאַרנאַכט, גייען די פּויערים אַהיים פון דער אַרבעט גיבן זיי אַ קוק: אויף דער פריזבע זיצט די שטומע, האַלט איר אינגעלע אַנטקעגן דער זון און אַליין וויינט זי אַזוי שטאַרק. קיין קול הערט מען ניט, ווייל זי איז דאָך שטום, נאָר מען זעט ווי טרערן פאַלן פון אירע אויגן. גייט מען צו צו איר און מען פרעגט זי אויף שטום לשון, וואָס איז געשען? ווייזט אָן די שטומע אויף איר אינגעלע, וואָס קוקט אויף דער זון און פינטלט ניט מיט די אויגן, האָבן שוין די פּויערים פאַרשטאַנען, אַז דער שטומערס קינד איז געבוירן געוואָרן אַ בלינדער. ווייל ווער קען דען קוקן אויף דער זון, אויב ניט קיין בלינדער? זיינען די פּויע־

רים אַהיים געגאַנגען און זיינען שוין געווען טרויעריק אַ גאַנצע נאַכט.

דערווייל זיינען אַוועק 4 יאָר. דעם אינגעלע האָט מען אַ נאָמען געגעבן יאַנקעלע. יאַנקעלע איז אויס־געוואַקסן זייער אַ שיין קינד. אָבער ער איז שטענדיק געזעסן אויף איין אָרט, אָדער געקוקט אויף דער זון, אָדער זיך צוגעהערט צום פעלד, צום דאָרף, אָדער ער איז גאָר געזעסן און געטראַכט, און געטראַכט. האָט ער געדאַרפט איבערגיין פון אָרט צו אָרט האָט אים זיין שטומע מאַמע געגעבן אַ שטעקן אין האַנט אַריין. און יאַנקל האָט געטאַפּט מיט דעם שטעקן, געטאַפּט און געטאַפּט דעם וועג, ער זאָל זיך ניט אָנשלאָגן אויף עפּעס און פאַלן חס וחלילה צו דער ערד.

איינמאָל, פאַרנאַכט, גייען די פּויערים פון פעלד אַהיים זייער מידע אָבער פריילאַכע, ווייל אַ קיל ווינטע־לע האָט געבלאָזן פון טייכל און געגלעט זייערע האָר און פּנים אַזוי גוט און קיל. פּלוצלינג, זיי זיינען נאָך געווען ווייט פון דאָרף, הערן זיי ווי עמיצער זינגט אַזוי שיין, פּונקט ווי אַ דינינקע פידעלע, אָדער ווי אַ נאַכט־פייגעלע, וואָס שטייט אויף אַ בוים און זינגט אויס איר טרויער, וואָס די זון פאַרגייט אַזוי גיך. זיי גייען צו נענטער, נענטער, גיבן זיי אַ קוק: יאַנקעלע זיצט זיך לעבן הייזל, די פיסלאַך אונטערגענומען אונטער זיך. קוקט אויף דער זון און זינגט זיך. האָבן שוין די פּויע־רים פאַרגעסן אַז זיי זיינען מיד און אַז זיי זיינען הונגע־ריק. זיי זיינען געשטאַנען און זיך איינגעהערט, איינגע־



הערט און אין אַלצדינג פֿאַרגעסן. אַזוי גוט אויפֿן האַרצן איז זיי געווען. ווען יאַנקעלע איז אַנטשוויגן געוואָרן, איז

שוין געווען שפּעט. אַלע שטערן האָבן זיך שוין צע־
לייגט אויפן הימל און פון דעם וואַלד איז אַרויסגעשוואו־
מען אַ גרויסע זילבערנע לבנה. זיינען די פּויערים אַהיים
געגאַנגען פריילאַכע און האָבן שטאַרק ליב באַקומען אַט
דעם יאַנקעלע. געזונגען זיינע שיינע לידער, מענטשן
האָבן צוגעהערט, צוגעהערט און פאַרגעסן אַלע צרות.

די שטומע מאַמע איז אָבער ניט געווען פריילאַך.
שטענדיק נאָך דער אַרבעט פלעגט זי זיך אַנידערזעצן
אויף דער פּריזבע און קוקן, קוקן אויף איר בלינדן אינ־
געלע און פלעגט וויינען אויף שטום לשון. אויפדערנאַכט פלעגט
זי יאַנקעלען גוט אויסבעטן, פלעגט זיך אַנידערלייגן לעבן
אים און אויף שטום לשון אַ וויג לידל זינגען. ווי אַזוי ? זי
פלעגט גלעטן, גלעטן, אַזוי ווייך יאַנקעלעס שטערן, זיינע
האָר, דערביי פלעגן אירע הענט אַזוי ציטערן, ציטערן
באַם גלעטן. אויפגעציטערט האָבן אירע הענט, ווייל זי
האָט געהאַט אַ גרויסן ווייטאָק, וואָס איר אינגעלע איז
בלינד. יאַנקעלע האָט דערפילט דאָס ציטערן, ער האָט
אויך דערפילט זיין מאַמעס ווייטאָק. ער האָט אָבער גע־
מיינט, אַז באַ יעדער מאַמען ציטערן אַזוי די הענט, ווען
זיי גלעטן זייערע קינדער. פלעגט יאַנקעלע איינדרימלען,
איינדרימלען און אַנטשלאָפן ווערן.

וואָלט שוין אַזוי אויך געווען גוט און די שטומע
מאַמע מיטן בלינדן אינגעלע וואָלטן געלעבט רואיק און
שטיל, דאַרף זיך איינמאָל עפּעס טרעפן.

ס'איז געווען ווינטער. אַ שניי איז אין דאָרף גע־
לעגן אויף די דעכער, אויף די ביימער. אַ פראָסט אַ ברע־

נענדיקער איז דעם טאָג געקומען און ס'איז געוואָרן שטאַרק קאַלט. דאָס טייכל איז שוין ניט דורכגעלאָפן דורך דעם דאָרף, ווייל נאָך אין מיטן דער נאַכט איז געקומען דער פראָסט מיט אַ ווינט. דער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן איבער דעם וואַסער, מיט אַ גרויסע קעלט, האָט דאָס טייכל אָנגעהויבן צו ציטערן, ציטערן, איינקאָרטשען זיך פאַר קעלט אַזוי לאַנג, לאַנג, ביז ס'איז פאַרגליווערט געוואָרן און שוין. ס'טייכל קען שוין מער ניט לויפן. דעם טאָג האָט די שטומע צענויפגענומען אַ סך וועש. געמאַכט אַ קלומיק, פאַרוואָרפן אויף דער פלייצע און זיך געלאָזט צום טייכל. האָט זי געזען, אַז ס'איז פאַרפרוירן, האָט זי גענומען אַ האַק, אויסגעהאַקט אַ לאָך. דערנאָכדעם האָט זי איינגעטונקען די וועש אין וואַסער און געקלאַפּט איבער אַ שטיין, אַזוי לאַנג, לאַנג ביז זי איז געוואָרן זייער מיד, ס'איז געווען גליטשיק איז פּלוצלינג האָט זיך די שטומע אויסגעגליטשט איבערן אייז און אַריינגעפאַלן אין וואַסער אַריין.

האָט זי אַ זייער גרויסע שרעק אָרומגעכאַפּט, האָט זי זיך געראַנגלט מיט דעם וואַסער, געשריען אויף שטום־לשון : העלפט, ראַטעוועט, אָבער אַז קיינער האָט ניט געהערט, נאָר דער ווינט דער פראָסטיקער, האָט זי אַזוי לאַנג זיך געראַנגעלט, געראַנגלט, ביז וואַנעט זי איז אַראָפּ צום גרונט און שוין . . . איז געוואָרן שטיל, די וועש האָט זיך געוואַלגערט באַם טייכל, דער שניי איז זיך געלעגן און האָט געשוויגן און דער ווינט האָט ווי־דער אַ בלאָז געטאָן מיט פראָסט און דער אויסגעהאַק־

טער לאָך איז אויך פאַרפרוירן געוואָרן.

גייט דער קליינער ווינטער טאָג אַוועק. ווערט טונקעלער, טונקעלער. פאָרן עטלאַכע פויערים מיט שליטנס האָלץ פון וואַלד. גיבן זיי אַ קוק: וועש וואַל־גערט זיך באַם טייכל און קיינער שטייט ניט דערביי. האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען. האָבן זיי גיך גענומען העק, אָנגעצונדן לאַמטערנעס, אויסגע־האַקט אַ שטיק טייך, געזוכט מיט די לאַמטערנעס, גע־טאַפּט דעם גרונט מיט לאַנגע דינע שטעקנס ביז וואַ־נעט זיי האָבן אַרויסגעשלעפּט די שטומע פרוי אַ דער־טרונקענע.

זיינען געוואָרן טרויעריק די פויערים, געבליבן שטיין שטיל מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

פלוצלינג רופט זיך אָן אַן אַלטער פויער מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד: הערט ברידער, די שטומע פרוי איז שוין טויט, פאַרפאַלן, מיר וועלן אויסגראָבן אַ גרוב און זי באַהאַלטן אין דער ערד. אָבער וואָס קענען מיר טאָן מיט איר בלינדן אינגעלע? איך רעכן, אַזוי ווי אַט דער יאַנקעלע איז בלינד און האָט קיינמאָל ניט גע־זען זיין מאַמעס פּנים, וועלן מיר אים אונטערשיקן דבורהלען, באַ וועלכער ס'איז ניט לאַנג געשטאָרבן איר אינגעלע, וועט זי אים זיין אַ מאַמע. איז די עצה גע־פעלן געוואָרן אַלע פויערים.

דערווייל זיצט זיך יאַנקעלע אין שטוב און וואַרט אויף דער מאַמען. דער אויוון איז שוין קאַלט געוואָרן, ער אַליין איז שוין הונגעריק. אָבער יאַנקעלע זיצט און וואַרט.

פלוצלינג דערהערט יאַנקעלע טריט, האָט ער זיך דערפרייט. ער הערט זיך צו נאָך אַמאָל צו די טריט, דערפילט ער גאָר אַז די טריט זיינען ניט זיין מאַמעס. דאָס איז דבורה געגאַנגען אין הייזל זיין אַ מאַמע צו יאַנקעלען. דבורה איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין, אַ קוש געטאָן יאַנקעלען, איינגעהייצט דעם אויוון, אָפּגעקאָכט אַ זופּ פון קאַרטאָפּליעס און יאַנקעלען אָנגעהאָדעוועט, וואונדערט זיך יאַנקעלע: ווער קאָן אָט די פרויזיין? זאָל דאָס זיין זיין מאַמע? פאַרוואָס זשע זיינען אירע טריט פרעמדע, איז דאָס ניט זיין מאַמע, פאַרוואָס זשע קושט זי אים און גיט אים עסן?

ווייסט ניט יאַנקעלע וואָס. שווייגט ער. דערווייל האָט דבורה אויסגעבעט דאָס בעט, געלייגט יאַנקעלען שלאָפן, אַליין זיך אויך געלייגט לעבן אים און אים אָנגעהויבן גלעטן זיין שטערן, די האָר, פּונקט אַזוי ווי זי האָט געטאָן, ווען איר אינגעלע האָט נאָך געלעבט.

יאָרן זיינען פאַרבייגעלאָפן, יאַנקעלע איז שוין געוואָרן אַ גרויסער בחור. צו דבורהן האָט ער זיך צוגעוואוינט און רופט זי: מאַמע, אָבער פון זינט דאַן אָן האָט ער פאַרגעסן, ווי אַזוי צו זינגען.

די פּויערים ווען זיי פלעגן גיין פון דער אַרבעט אַ היים פאַרנאַכט, האָבן שוין ניט געהערט יאַנקעלעס שיין קולכל. זיי האָבן נאָר געזען, ווי ס׳זיצט אַ בלינדער בחור אויף דער ערד. קוקט אויף דער זון און טראַכט, און טראַכט....

# יאַנקעלע שנייעלע



אַרנאַכט איז דאָס געווען. ווינטער אין דרויסן. פאַלט אַ שניי און ס'איז שטאַרק קאַלט. יאַנקעלע ליגט אין זיין בעט און ס'איז אים וואַרים. דערווייל דער־הערט ער, ווי אַ הונט האַווקעט אין דרויסן. טראַכט זיך יאַנקעלע: דער הונט האַווקעט אודאי, ווייל ס'איז אים קאַלט, וועל איך אַרויסגיין אין דרויסן אים אַריינגעמען צו זיך אין בעטל, וועט אים זיין וואַרים. טוט זיך יאַנקעלע אָן און גייט אַרויס אין דרויסן. גיט ער אַ קוק: שאַ, שטיל, דער הונט איז ניטאָ, נאָר אַ שניי פאַלט און פאַלט. וויל שוין יאַנקעלע צוריק ניט אַריינגיין אין שטוב אַריין, ער וויל בעסער שטיין אין דרויסן און קוקן, ווי דער שניי פאַלט.

אַזוי ווי ער שטייט, רופן זיך אָן צו אים עטלאַכע שנייעלאַך: — וואָס אַ שטייגער קוקסטו אויף אונדז? רופט זיך אָן יאַנקעלע: וואָס-זשע, איך טאָר גאָר ניט קוקן? מאַכן ווידער די שנייעלאַך: ווער זאָגט דען, אַז דו טאָרסט ניט קוקן? אָבער דו טראַכסט אודאי אַז מיר זיינען פשוטע שנייעלאַך, האַ?

צעלאַכט זיך יאַנקעלע און זאָגט: אודאי, טראַכט איך, אַז איר זיינט פּשוטע שנייעלאַך. וואָס דען זיינט איר, פייגעלאַך?

מאַכן די שנייעלאַך און זיינען שוין באַלד אין כעס: — זאָלסטו טאַקע וויסן, ניט קיין שנייעלאַך זיי־נען מיר, נאָר פייגעלאַך. ווייסינקע, קליינינקע פייגעלאַך. אַ סימן האָסטו: מיר פליען אין דער לופטן, זעקס פלי־געלאַך האָבן מיר. איז מיט די פליגעלאַך פּאַטשן מיר לייכט, לייכט. און אַזוי פליען מיר.

זאָגט יאַנקעלע: — גייט, איר ווילט מיך אָפּנאַרן. ווערן שוין ברוגז די שנייעלאַך, וואָס יאַנקעלע גלויבט זיי ניט, הייבן זיי אָן צו פאַלן אויף אים, פאַלן זיי אויף זיין פּנים, פאַלן זיי אויף זיינע קליידער און ווילן אים אינ־גאַנצן צודעקן.

לאַכט יאַנקעלע און זאָגט: איך האָב טאַקע פאַר אייך ניט מורא, איך האָב טאַקע ניט מורא. דערווייל פליט דורך אַ קאַלטער ווינט. שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט: וואָס איז דאָ פאַר אַ טומל? ענטפערן די שנייעלאַך: אָט דער יאַנקל קאַפּאַנקל, וויל ניט גלויבן, אַז מיר זיינען ווייסינקע פייגעלאַך. ווערט דער קאַלטער ווינט אויך ברוגז און זאָגט אַזוי: אָט וועט איר זען, וואָס איך וועל טאָן מיט דעם יאַנקלען.

נעמט דער ווינט און הייבט אָן שטאַרק צו בלאָזן און הייבט אויף יאַנקלען אַרויף, אַרויף צום הימל. פליט דער ווינט מיט יאַנקלען לאַנג, לאַנג ביז וואַנעט זיי זיינען געקומען צו אַ הויכן באַרג, וואו עס געפינען זיך

אַלע שנייען פון דער גאַנצער וועלט. דאָרט האָט דער קאַלטער ווינט אָפּגעלאָזט יאַנקלען און געזאָגט צו די שנייען: אָט דער בחור הייסט יאַנקל, אָבער דער יאַנקל איז אַ קאַפּאַנקל. ער האָט אויסגעלאַכט די שניי־עלאַך, מאַכט אים טאַקע אויך פאַר אַ שנייעלע. וועט ער וויסן, אַז אַ שנייעלע איז אַ ווייסינק פייגעלע. אָט אַזוי האָט געזאָגט דער ווינט און זיך אַוועקגעפלויגן.

האָבן גענומען די שנייען און יאַנקלען אַריינגעלייגט צווישן אַ באַרג שניי און אים פאַרדעקט. איז דאָרט יאַנקעלע אָפּגעלעגן אַ טאָג מיט אַ נאַכט און פאַרטיק. נישטאָ שוין יאַנקעלע, נאָר אַ שנייעלע, וואָס האָט אַמאָל געהייסן יאַנקעלע. האָט יאַנקעלע־שנייעלע אָנגעהויבן צו פליען אַראָפּ אַראָפּ צו דער ערד. אַזוי ווי ער פליט, טראַכט ער צו זיך אַליין: טאַקע אמת, ניט קיין שנייעלע בין איך, נאָר אַ פייגעלע. אָט שאָקל איך מיט מיינע פלי־געלאַך און פלי, און פלי. וואוהין זשע זאָל איך פליען? אודאי צו אונדז אין גאַס אַריין.

פאַלט יאַנקעלע־שנייעלע אַראָפּ גלייך אויפן פענצ־טער פון זייער שטוב. קוקט אַזוי אַריין יאַנקעלע־שנייע־לע אין שטוב אַריין. זעט ער, ווי זיין מאַמע מיט זיין ברודערל אהרעלע זיצן אויף דער ערד און וויינען: „אוי, וואו איז יאַנקעלע? אוי, וואו איז יאַנקעלע?"

שפּעטער אַביסל, זיינען צו אַהרעלען געקומען זיי־נע חברים. האָט אים די מאַמע געזאָגט: נו, גענוג שוין צו וויינען, גיי בעסער אַרויס אין דרויסן מיט דיינע חברים און שפּיל זיך אַביסל. האָט אהרעלע אַזוי געטאָן:

ארויסגעגאַנגען מיט די חברים אין גאַס אַרויס, זיך גע־
שטעלט אינמיטן דער גאַס און אָנגעהויבן צו שאַרן
גרויסע קופּעס מיט שניי אויפצושטעלן אַ שניי־מענטש.

טראַכט צי זיך אַליין יאַנקעלע־שנייעלע: אָט וועל
איך צופליען צו מיין ברודער אהרעלען, וועל איך זען,
צי ער וועט מיך דערקענען. פליט ס׳שנייעלע צו. האָט
ווייזט אויס אהרעלע ניט דערקענט זיין ברודער. האָט
ער געכאַפּט יאַנקעלע־שנייעלע מיט נאָך אַ סך שנייע־
לאַך און געמאַכט אַ נאָז און צוגעקלאַפּט צום שניי־
מענטש. נאָכדעם האָט ער גענומען נאָך שניי און גע־
מאַכט אַ שטערן און אַ קאָפּ. צולעצט האָבן די קינדער
גענומען אַ שטעקן און אַנידערגעשטעלט לעבן שניי־
מענשט.



אַז דער מענטש איז שוין געוואָרן פאַרטיק, האָבן אַלע קינדער זיך אָנגענומען באַ די הענט, געמאַכט אַ ראָד אַרום שניי-מענטש, געטאַנצט און געשריען, געווען זייער פריילאַך. יאַנקעלע, נעבאַך האָט געמוזט זיצן, אויף דעם מענטשנס נאָז, זיצן און שווייגן.

דערווייל איז געוואָרן שוין שפּעט, די נאַכט איז אָנגעקומען און ס'איז געוואָרן פינצטער. זיינען אַלע קינ־דער זיך צעלאָפן, יעדער אין זיין היים, שלאָפן זיך לייגן. איז געוואָרן שטיל אין גאַס, נאָר דער שניי-מענטש איז געשטאַנען מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און געקוקט צו די שטערן. איז יאַנקעלען געוואָרן טרויעריק, וואָס ער איז אַ שנייעלע און מוז בלייבן אין דרויסן זיצן אויף דעם שניי-מענטשנס נאָז. האָט ער אָנגעהויבן צו וויינען. דערווייל איז זיך געפלויגן אַ וואַרימער ווינט, הערט ער ווי עמיצער וויינט. שטעלט ער זיך אָפּ, זעט ער אַז דאָס וויינט גאָר אַ שנייעלע. פאַרוואונדערט ער זיך שטאַרק און פרעגט: שנייעלע, שנייעלע, וואָס וויינסטו? רופט זיך אָפּ יאַנקעלע: ניט קיין שנייעלע בין איך, וואַרימער ווינט, נאָר אַ אינגעלע וואָס הייסט יאַנקעלע. ווי אַזוי קען דאָס זיין? פרעגט ווידער דער ווינט, נעמט יאַנקעלע-שנייעלע און דערציילט אים די גאַנצע מעשה. האָט דער וואַרימער ווינט שטאַרק רחמנות געהאַט אויף יאַנקעלען. האָט ער געגעבן אַ בלאָז מיט אַזאַ וואַרימ־קייט, אַז דער שניי-מענטש איז אינגאַנצן צעגאַנגען גע־וואָרן און יאַנקעלע איז באַלד געוואָרן אויס שנייעלע און איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין און זיך געלייגט שלאָפן.

# דאָס שיסעלע מיט בוימל

די בערג זיינען שוין מיט שניי פאַרשאָטן. דער טאָג איז אין שניי פאַרזונקען. קומט אין טאָל אַריין אַ ווינט פון די בערג און רייסט די דעכער פון די הייזער אין דערפל, וואָס איז איבערן טאָל צעשפּרייט.

דאָס דערפל איז אַ קליינס, הייזלאַך אַ פּאָר צענדליק. איז דאָרט כסדר שטיל, באַזונדערס אין די קאַלטע ווינטער טעג. אַ גאַנצן טאָג, זעט מען נאָך אַ מאָל, ווי אַ פרוי לויפט איבער דער גאַס צו אַ שכנה, אָדער אַ שליטן קומט אָן און דער אָנטרייבער איז אינגאַנצן ווייס, פּונקט ווי אַ פאַרפרוירענער בוים.

קומט אָבער די נאַכט, אַזוי ווערט שוין טאַקע אינגאַנצן שטיל, נאָר דער ווינט פון די בערג קאָמאַנדעוועט און שפּילט זיך מיטן שניי. אַלע הייזער געשלאָסן, פינצטער, פינצטער. עס שלאָפן שוין די דאָרפס-לייט, ווייל ס'איז זיי אומעטיק, לייגן זיי זיך שלאָפן, ווי נאָר די נאַכט קומט אָן.

אין הייזל, וואָס שטייט באַם עק, איז אויך שטיל. מ'שלאָפט שוין דאָרט אויך. פינצטער אין אַלע צימערן,

בלויז אויף אַ פענצטער, וואָס קוקט אין ברייט פאַרוואָר-פענעם וועג, שטייט אַ שיסעלע מיט בוימל, אין בוימל ליגט אַ קנייטל, ברענט זיך אַ גאַנצע נאַכט. ברענט און שיקט אַ שיין אין די ווייטע וועגן, וואָס לויפן אַוועק פון דערפל.

די מענטשן פון דאָרף וואונדערן זיך שטענדיק, וואָס ווי נאָר ס'קומט דער ווינטער מיט זיינע פרעסט און שנייען, אַזוי אַלע אויפדערנאַכט, שטעלט אַוועק דער בעל-הבית אַ שיסעלע מיט בוימל. צינדט אָן ס'קנייטל און ברענט אַ גאַנצע נאַכט, ביז דער טאָג קומט אָן. ווי נאָר דער ווינטער גייט אַוועק, די שנייען צעגייען און די בערג ווערן מיט גרינס באַדעקט, שטייט שוין מער ניט דאָס לעמפל אויפן פענצטער און עס איז פינצטער דאָרטן פונקט ווי אין די איבעריקע הייזער פון דאָרף.

דער בעל הבית האָט געהייסן אברהם און געהאַט פיר קינדער, צוויי אינגלאַך און צוויי מיידלאַך, דער איינ-ציקער איד אין דאָרף.

האָט דער אברהם ליב געהאַט אַרבעט, האָט ער געאַרבעט פון טאָג ביז נאַכט.

ער האָט טוּיזנטער הינער געכאָוועט, האָט אַכט קי געהאַט און אַ גרויסן הונט.

אַז די קינדער זיינען נאָך געווען קליין, האָבן זיי זומער איבער די בערג אַרומגעקלעטערט, ווינטער אין שטוב זיך באַהאַלטן און געשפּילט זיך מיטן גרויסן הונט.

אויף דעם וואָס דער טאַטע צינדט אָן אַלע נאַכט

פון אַ גאַנצן ווינטער אַ שיסעלע מיט בוימל, האָבן זיי זיך גאָר נישט געוואונדערט, ווייל זיי זיינען נאָך געווען קליין און האָבן גאָר ניט פאַרשטאַנען.

ווען זיי זיינען עלטער געוואָרן, האָט זיי די זאַך שטאַרק געוואונדערט.

איינמאָל אין דער ערשטער נאַכט פון חנוכה, האָט אברהם צענויפגערופן אַלע קינדער, דערציילט זיי די חנוכה מעשה און אָנגעצונדן דאָס ערשטע חנוכה ליכטל.

האָבן די קינדער זיך ניט געקענט איינהאַלטן און געפרעגט דעם טאַטן אַזוי:

— טאַטע, פון דיין חנוכה מעשה האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אַזוינע ליכטלאַך צינדט מען אָן נאָר אַכט נעכט פון חנוכה, פאַרוואָס זשע, זעען מיר דאָס חנוכה־לעמפל ברענען אויפן פענצטער אַלע נעכט פון אַ גאַנצן ווינטער ?

האָט זיך אברהם פאַרטראַכט, די אויגן צוגעמאַכט און אַ צייט געשוויגן, דערנאָכדעם האָט ער די אויגן געעפנט, אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פנים און ער האָט דערציילט:

— מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז דאָס געווען. איך בין געווען אַ יונגער בחור, ניינצן יאָר אַלט.

פלוצלינג אין איין וואָך, זיינען מיינע עלטערן גע־שטאָרבן און איך בין געבליבן איינער אַליין אָן פריינט, אָן געלט און אָן אַ מלאכה אין דער האַנט.

האָב איך זיך שטאַרק געזאָרגט און געטראַכט, ביז איך האָב באַשלאָסן פאַרלאָזן די שטאָט און אין דער

וועלט זיך לאָזן אפשר וועל איך ערגעץ מיין גליק געפינען.

ווינטער איז דאָס געווען, א שניי איז אויף די פעלדער געלעגן, א פראָסט האָט מיך נאָך און אויערן געפרוירן, אָבער איך בין געווען פריילאַך, האָב איך זיך אויפגעערט צו זאָרגן און פון גאָרניט טראַכטן, ווייל ס'איז געווען אַזוי ווייס אַרום און אַרום.

א גאַנצן טאָג בין איך אַזוי געגאַנגען, ביז ס'איז נאַכט געוואָרן. א זאווערוכע האָט זיך צעשפּילט און איך בין נאָך אַליין אין פעלד געגאַנגען. איך בין שוין אָבער מיד געוואָרן און מיין האַרץ האָט זיך געשראָקן, איך זאָל אין פעלד ניט בלייבן, מיט שניי פאַרשאָטן ווערן. קיינער וועט ניט וויסן, וואוהין מיין געביין איז אַהינגעקומען.

האָב איך צענויפגענומען אַלע מיינע כוחות און זיך געלאָזט לויפן, טאָמער וועל איך גיכער אויף אַ מענטשלאַכן ישוב אָנטרעפן.

איך בין לאַנג אַזוי געלאָפן. פון די כוחות זיך אַרויסגעשלאָגן און בין געפאַלן אין שניי און אַ מענטשלאַכן ישוב ניט מע זעט, ניט מע הערט. ווייסע פעלדער אַרום און אַרום, אַ פינצטערע נאַכט און אַ בייזע זאווערוכע.

איך בין געווען אַזוי מיד און דערהיצט פון לויפן, אַז ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער שניי איז וואַרים און ווייך, און ס'איז געווען אַ מחיה צו ליגן.

בין איך געלעגן, מיינע אויגן האָבן זיך פון מיד-




קיט געקלעפּט און איך האָב געוואָלט אַזוי שטאַרק אַ
דרעמל טאָן, אָבער באַלד איז צו מיר אַ געדאַנק גע־

קומען און זאָגט:

— וואָס טוסטו, בחור? דרעמל ניט איין, וועסט דאָך אַזוי אויף אייביק אַנטשלאָפן ווערן. עפן דיינע אויגן, הייב זיך אויף, שטריינג אָן אַלע דיינע כוחות און גיי. אפשר וועסטו זיך פּאָרט צו אַ מענטשלאַך אָרט דער־שלעפּן.

איז אָבער צו מיר אַ צווייטער געדאַנק געקומען, מיך איבערן פּנים געגלעט און אַזוי געזאָגט:

— ליג איין, זונעלע, דאָ אין שניי. ס'איז אַזוי וואַ־רים און ווייך, צי אויס דיינע פיס און שלאָף איין. וואָס אַרט דיך, וואָס שפּעטער וועט זיין, אָבער איצטער איז דיר גוט, טאָ רו זיך אָפּ.

איז מיר דער צווייטער געדאַנק בעסער געפעלן געוואָרן ווי דער ערשטער, האָב איך מיינע אויגן גע־שלאָסן און געזאָלט שוין אויף אייביק אַנטשלאָפן ווערן. פּלוצלינג דערזע איך, ווי אין חלום, אַ פּייערל פון ערגעץ ווייט, ווייט שיינען. האָב איך קוים מיינע אויגן געעפנט, זיך איינגעקוקט, ניטאָ קיין שום פּייערל. ס'האָט זיך מיר, ווייזט אויס, נאָר אויסגעדוכט, האָב איך גע־טראַכט.

האָב איך ווייטער מיינע אויגן צוגעמאַכט, האָב איך ווידער אַמאָל דערזען ס'פּייערל, האָב איך צום צווייטן מאָל מיינע אויגן געעפנט, זיך גוט אין דער ווייטקייט איינגעקוקט און טאַקע דערזען אַ שיין פון אַ פּייערל, וואָס איז פון ערגעץ אַרויסגעוואַקסן.

האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי דאָס פייערל איז אַרום פון אַ שטוב און מיר אַנטקעגן געלאָפן מיך איינ־לאַדן אין אַ וואַרים הויז אַ היימלאַכס.

האָב איך אַלע מיינע כוחות צענויפגענומען און זיך צום פייערל פאַרשלעפּט.

ווען דער בעל הבית האָט מיר אויפגעעפנט די טיר, בין איך פאַרחלשט געווען.

צוויי וואָכן בין איך אין בעט געלעגן אין אַ גרוי־סער היץ און פון גאַרניט געוואוסט. ווען איך בין צו מיין געזונט געקומען און האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס ס׳טוט זיך אַרום מיר, האָב איך דערזען: אַן אַלטן אידן, אַן אַלטע אידענע און אַ יונג מיידל, זאָרגן זיך שטאַרק ווען מיין געזונט.

איך בין מיט דער צייט אינגאַנצן געזונט געוואָרן. דער אַלטער איד האָט מיר דערציילט, אַז יענע נאַכט, איז די ערשטע חנוכה נאַכט געווען און אויפן פענצטער האָט געברענט ס׳ערשטע חנוכה ליכטל.

דאָס איז געווען דאָס ליכטל, וואָס האָט געשיקט אַ שיין צו מיר אַ פאַרוואָרפענעם אין די ווייסע פעלדער און וואָס האָט מיך געבראַכט צו דעם הייזל, וואו איר, קינדער, געפינט זיך איצט.

דערנאָכדעם האָב איך מיין מעשה דערציילט דעם אַלטן.

האָט דער אַלטער אויסגעהערט, אויסגעהערט און זיך אָנגערופן:

— אויב דו, בחור, האָסט ליב אַרבעט, קענסטו באַ מיר דאָ פאַרבלייבן און מיר העלפן אַרבעטן.

איך האָב מסכים געווען און בין אין דאָרף פאַר־בליבן.

פון דענסטמאָל אָן, זיינען שוין צוואַנציק יאָר פאַר־ביי. דער אַלטער מיט דער אַלטער זיינען שוין פון לאַנג געשטאָרבן, מיט זייער טאָכטער האָב איך חתונה געהאַט און זי איז אייער מוטער, וואָס האָט אייך, קינ־דער, געבוירן.

איז פון דעמאָלט אָן, ווי נאָר ס׳קומט דער ווינ־טער מיט זיינע שניי און קעלטן, אַזוי אויפדערנאַכט, צינד איך אַ שיסעלע בוימל אָן, מעג דאָס זיין חנוכה אָדער ניט, איך צינד דאָס אָן, שטעל דאָס אויפן פענצטער, ס׳זאָל ברענען, לייכטן און שיקן אַ שיין ווייט, ווייט. ס׳זאָל דערמונטערן די פאַרשפּעטיקטע אויף די וועגן, זיי זאָלן אין שניי ניט אומקומען. דער טאַטע האָט געענ־דיקט די מעשה, די נאַכט איז שוין געווען שפּעט.

די קינדער האָבן זיך אין די בעטן געלייגט, נאָר זיי האָבן לאַנג ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. און אַז זיי האָבן שוין איינגעדרעמלט, האָבן זיי אין זייער חלום געזען : פאַרשנייטע פעלדער ווייט, ווייט. נאַכט, פינצ־טער, אַ זאַווערוכע וואָיעט אַזוי בייז און עפּעס אַ ווייי־סער מענטש בלאָנדזשעט אין די פעלדער און וויינט, ביז אַ שיין פון אַ שיסל בוימל באַווייזט זיך, ווערט דער ווייסער מענטש פריילאַך און לויפט מיט אַלע כוחות אַנטקעגן דער שיין.

# דער זיידע און די באָבע פֿריידע

## I

זומער איז געווען וואַרעם אַ מחיה, די וועלט אַזאַ שיינע און אַ פֿרייע. דער זיידע און די באָבע פֿריידע האָבן ניט געוואוסט פֿון קיין צרות און געדאַרפֿט האָבן זייער הייזל אויף ניין און ניינציק כּפּרות.

באַטאָג זיינען זיי אַרומגעגאַנגען אין פֿעלד, אָנקוקן אַביסל די שיינע וועלט, באַנאַכט זיינען זיי געשלאָפֿן ערגעץ צווישן שטרוי, אין אַ הויכן שטאַל בײַ עפּעס אַ גוי. איי, עסן? הויבט זיי אַפֿילו ניט אָן צו אַרן, אויף די בוימער איז גענוג עפּל און באַרן. אַי, טרינקען? אויך מיר וואָס צו זאָרגן! באַם טייכל וויפֿל דו ווילסט וואַסער, קענסטו באָרגן.

אַזוי אַ גאַנצן זומער איז זיי געווען גוט ווי די וועלט און דער זיידע און די באָבע פֿריידע האָבן גאַנץ פֿריילאַך אָנגעקוועלט.

זומער איז טאַקע גוט און פֿיין, ווען ער זאָל בײַ אונדז וועלן אייביק זיין. אָבער אַ צרה, דער זומער קען ניט שטיין לאַנג אויף איין אָרט און גייט זיך באַלד אַוועק ערגעץ דאָרט.

און אזוי איז טאקע געשען: א פאר חדשים גע־ווען, געווען און אוועק ערגעץ וויט, וויט צו אנדערע מענטשן און צו אנדערע לייט.

איז געווארן טרויעריק און קאלט, א רעגנדל האט אנגעהויבן צו פאלן באלד. דער זיידע און די באבע פריידע האבן געכאפט א ציטער און ס'איז געווארן אויפן הארצן אומעטיק און ביטער.

זאגט דער זיידע: ווייסטו וואס באבע פריידע? אז ס'איז שוין קאלט און ס'הויבט אן צו רעגענען, לאז־מיר זיך מיט די פעלדער און וועלדער געזעגענען, צו אונדזער הייזל זיך אומקערן, מירן איינהייצן דעם אויוון, וועט אונדז אביסל ווארימער ווערן.

זאגט די באבע פריידע: ביזט טאקע גערעכט זיידע. האבן זיי געטאן אזוי, געזאגט „פעלדער, וועלדער, זייט געזונט! אוי! אוי!" און אוועק צוריק צום הייזל טרויעריק און אנגעבויגן, פול מיט טרערן אין די אויגן.

קומען זיי צום הייזל, גיבן זיי א קוק. ווי! די טירן צעבראכן און אין הייזל זיינען צוויי ציגן פאר־קראכן. זיי האבן זיך אין די בעטן צעלייגט, דעם זיידן און דער באבען אפילו ניט געפרעגט, און אוים, די ציגן ווילן שוין ניט פון הייזל ארויס. איינמאל ניין, זיי זאגן אז אין הייזל איז זיי אויך גוט צו שטיין.

איז דער זיידע מיט דער באבע א גאנצן טאג אין דרויסן געשטאנען און האבן גארניט פארשטאנען, אז אויף דער וועלט זיינען אזוינע שלעכטע ציגן פא־ראנען.

איז שוין געוואָרן נאַכט, די ציגן אין הייזל האָבן זיך דאָרט געפרייט און געלאַכט. דער זיידע מיט דער באָבע זיינען געשטאַנען אויף דער גאַס, איז געפאַלן אַ רעגן, זיינען זיי געוואָרן נאַס.

דערוויילט איז אַ הונט אָנגעלאָפן און האָט דעם זיידן און דער באָבען ווייגען געטראָפן. האָט ער זיי געפרעגט, פאַר וואָס דאָס איז אַזוי? האָבן זיי אים געזאָגט: הונט, הונט, אוי! אוי! דאָס הייזל האָבן פאַרכאַפּט די ציגן און מיר קענען זיך מיט זיי ניט קריגן. שטייען מיר דאָ אויף דער גאַס, גייט אַ רעגן און מיר ווערן נאַס.

האָט דער הונט אויפן זיידן מיט דער באָבען רחמנות געקראָגן און איז געגאַנגען אַרויסטרייבן די ציגן.

גייט דער הונט אַריין אין הויז, גיט אַ האַווקע: ציגן — קאַפּיגן, גיכער פון דאַנען אַרויס! אַז ניט וועל איך אייך צעביסן, אייערע אויערן אָפּרייסן. וועט איר קינדס קינדער פאַרזאָגן, מערער אין זיידנס הייזל זיך ניט פאַרטראָגן.

ווערן די ציגן דערשראָקן און לאָזן אַראָפּ די עקן. הייבן זיי אָן צו ווייגען און צו מעקען: מע, מע, הונט, הונט, ניט בייס, אונדזערע אויערן ניט רייס מיר וועלן אין הייזל מערער ניט שטיין און מיר וועלן טאַקע פון דאַנען באַלד אַרויסגיין.

גיט דער הונט אַ האַווקע: האַוו! האַוו! גיט זיך טאַקע שוין אַ ריר און רעדט ניט קיין סך צו מיר.

האָבן די ציגן געגעבן אַ שפּרונג און דורכן פענצ־טער אַנטלאָפן. געלאָפן, געלאָפן, ביז זיי האָבן אַנדע־רע ציגן געטראָפן. זיי דערציילט וואָס איז מיט זיי אין ווידנס הייזל געשען, און ווען ניט דער הונט, ווי גוט וואָלט זיי געווען. האָבן אַלע ציגן אָנגעהויבן צו וויי־נען און צו קלאָגן, און האָבן געשוואָרן, אַז זיי וועלן דעם הונט כאַפּן, וועלן זיי אים גוט אָנשלאָגן.

דערווייל, זיינען דער ווידע מיט דער באָבען אין הייזל אַריין, געוואונטשן דעם הונט ער זאָל שטאַרק און געזונט זיין. האָט אָנגעהאַקט האָלץ דער ווידע, האָט צעלייגט אַ פייער די באָבע פריידע, האָבן באַם פייער זיך געוואַרעמט און געקוויקט: האַ! ווי וואַרעם, האַ! ווי טייער, אַז ס׳ברענט אַזאַ פייער.



# דער זיידע און די באָבע פריידע

## II

איז געוועזן אַ זיידע און אַ באָבע פריי־דע. האָבן זיי געוואוינט אין וואַלד. אַז ס'איז געקומען דער ווינטער, איז זיי געוואָרן זייער קאַלט. זאָגט די באָבע פריידע: ווייסטו וואָס, זיידע? אַז ס'איז אונדז זייער קאַלט, גיי זשע אין וואַלד, וועסט צענויפקלייבן שפּענדלאַך, וועלן מיר אָנוואַרימען אונדזערע ביינדלאַך. מאַכט דער זיידע: איי! איי! באָבע פריידע, אַז אין דרויסן בלאָזט אַ ווינט און אַז אין וואַלד האַווקען די הינט, ווי קען איך אין וואַלד גיין. ווי קען איך אין וואַלד גיין. זיצט דער זיידע. זיצט די באָבע פריידע. זיצן זיי באַם אויוון דעם קאַלטן, זיצן זיי באַם אויוון דעם אַלטן און ציטערן — וו-וו-וו-או! און אין דרויסן — פּ-פּ-פּ-פּ-פּ-יו! . . . דאָס האָט דער ווינט געמאַכט, געטאַנצט און געלאַכט, אַלע ציטערן פאַר קעלט און אים איז גוט ווי די וועלט. האָט זיך צעוויינט באָבע פריידע, האָט זיך צעוויינט אויך דער זיידע, וויינט און וויינט און דער ווינט ווי ניט אים מען מיינט, טאַנצט אויף די דעכער, פאַרקריכט אין אַלע לעכער, מאַכט אָן אַ גרויסע קעלט, זידלט זיך און שעלט.

דערווייל אין דרויסן איז אַ פייגעלע געפלויגן, אויך פול מיט טרערן אין די אויגן. ס'איז געפלויגן און גע־זוכט אַ וואַרימן אָרט, ס'זאָל זיך קענען אַנוואַרימען דאָרט. דערזעט'ס אַ הייזל וואו די באָבע און דער זיידע זיצן און וויינעןביידע. איז פייגעלע צו זיי אַריינגעפלויגן, פאַר זיי זיך פאַרבויגן און זאָגט אַזוי: זיידע, זיידע און באָבע פריידע. לאָזט מיך צו אייך אין שטוב אַריין, וועט מיר אַביסל וואַרימער זיין. מאַכט דער זיידע: פייגעלע, פייגעלע מיטן קליינעם אייגעלע. באַ מיר אין שטוב איז אויך קאַלט, ווייל איך בין שוין אַלט און קען ניט גיין קלייבן שפענדלאַך אין וואַלד און איך האָב מורא, אַז איך וועל פאַרפרוירן ווערן באַלד. מאַכט די באָבע: פייגעלע, פייגעלע, אייגעלע בייגעלע, ווען דו ווילסט, פלי אין וואַרימען אָרט, וואו די זון געפינט זיך דאָרט. און אַז דו וועסט די זון דערזען, זאָלסטו בלייבן שטיין און זאָגן אַזוי: זון, זון, אוי, אוי, פון דעם ווינט איז שוין ניט איבערצוטראָגן, אַלע וויינען פון אים און קלאָגן, ווייל דער ווינט איז אַ שלעכטער און דערצו נאָך אַ מזיק אַ רעכטער. ער וואָיעט און שרייט, ברענגט צוטראָגן אַ שניי פון וויט ווייט, מאַכט אָן אַ גרויסע קעלט און ס'ווערט פאַרפרוירן די גאַנצע וועלט. קום זשע, זון צו אונדז צו גיין, וועלן מיר זיך מיט דיר שטאַרק דערפרייען. זאָלסטו דעם ווינט כאַפּן און אים גוט אויסקלאַפּן, זאָלסט אים ניט אנשלאָגן, וועט ער זיך שוין פון אונדז אָפּטראָגן.




איז ס׳פייגעלע געפלויגן אַוועק, אַוועק, דאָרט וואו
ס׳הייבט זיך אָן דער רויטער עק, געפלויגן אַ טאָג מיט

אַ נאַכט און מיט די אויגן ניט צוגעמאַכט, געפלויגן דורך גרויסע וועלדער, איבער ברייטע פעלדער, ביז ס'איז געקומען צום וואַרימען אָרט, וואו די זון געפינט זיך דאָרט. אַז ס'האָט די זון דערזען, איז עס געבליבן שטיין און געזאָגט: זון, זון. אוי, אוי. איך בין געפלויגן צו דיר אין וואַרימען לאַנד, אַ טאָג מיט אַ נאַכט דורכאַנאַנד, איך בין דיר געקומען זאָגן, אַז אַלע וויינען און קלאָגן, וואָס פונם ווינט איז שוין ניט איבערצוטראָגן. קום צו אונדז, קום און טרייב אַרויס דעם ווינט פון אומעטום. מאַכט די זון: פייגעלע, פייגעלע, פלי אַהיים און זאָג אָן די וועלט, אַז איך וועל שוין אַרויסטרייבן דעם ווינט מיט די קעלט. איז פייגעלע אַהיימגעפלויגן, גיך, גיך, מיט פריילאַכע אויגן. דערווייל האָט די זון געשיקט אירע הייסע שטראַלן און זיי זיינען דעם ווינט באַפאַלן. איז דער ווינט פון זיי אין וואַלד אַנטלאָפן, אָבער די שטראַלן האָבן אים דאָרט אויך געטראָפן, פון אַלע זייטן געשטאָכן און אים די ביינער געבראָכן, ביז דער ווינט איז אַנטלאָפן אין ים אַריין און לאָז ער שוין דאָרטן זיין.

איז געוואָרן אוים קעלט, האָט זיך מחיה געווען די גאַנצע וועלט. גלעקעלאַך קלינגען, פייגעלאַך זינגען, קינדערלאַך שפּרינגען.

דער ציידע און די באָבע פריידע זיינען אין דרויסן אַרויס, זיך געזעצט לעבן זייער הויז, פריילאַך געלאַכט, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אין דרויסן איז אַזוי שיין און דער הימל איז אַזוי קלאָר און ריין....

# דער זיידע און די באָבע פריידע

## III



איז געקומען זומער איז געוואָרן וואַרעם און שיין. דער הימל אַזוי קלאָר און ריין. רופט זיך אָן די באָבע פריידע: ווייסט וואָס זיידע, גיי אין גאָרטן, וועסטו באַרן אָנרייסן, וועל איך אָפּ־קאָכן אַ צימעס פאַר אָנבייסן. זאָגט דער זיידע: גוט באָבע פריידע, דערלאַנג מיר מיין אויבערדעקל מיט מיין גראָבן שטעקל.

איז דער זיידע אין גאָרטן געגאַנגען, געקומען צום בוים. ער קען אָבער די באַרן ניט דערלאַנגען.

טראַכט דער זיידע: אַז דער בוים איז אַזוי הויך, הויך, וועט ער נעמען אַ שטיין און וואַרפן מיט זיין גאַנצן כח, וועלן די באַרן פאַלן אַראָפּ, אַראָפּ, וועט די באָבע אָפּקאָכן צימעס אַ פולן טאָפּ.

וואַרפט דער זיידע אויפן בוים אַ שטיין אַ האַרטן און די באַרן לאָזן זיך לאַנג ניט וואַרטן. רייסן זיך פון די צווייגן אָפּ און פאַלן גלייך אויף דער ערד אַראָפּ.

דערווייל איז אַ ציג אָנגעקומען אין גאָרטן. זי האָט געטראַכט, טאָמער וועט זי געפינען וואָס צו עסן דאָרטן. זעט זי וואָס דער זיידע טוט, טראַכט זי: אוי

ס'איז טאַקע גוט. אַ טייערער זיידע, אַ געזונט אין זיין קאָפּ. לאָזן די באַרן פאַלן אַראָפּ, אַראָפּ, וועל איך איינס און צוויי און דריי, — עס און קיי, עס און קיי.

עסט די ציג די באַרן און ס'הויבט איר אפילו ניט אָן צו אַרן. וואַרפט דער זיידע מיטן שטיין איין שעה, צוויי שעה, ווערט ער מיד. קוקט זיך אום אַרום און אַרום, קיין איין באַר אפילו ניטאָ.

דערוויל זיצט די באָבע לעבן איר הויז און קוקט שוין אויפן זיידן אַרויס. די באָבע טראַכט צו זיך אַליין: אָט וועט באַלד דער זיידע קומען צוגיין. ער וועט ברייגגען באַרן צוטראָגן, וועלן מיר זיך שוין ניט האָבן, אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן, וועלן מיר שוין האָבן וואָס צו עסן. היינט און מאָרגן וועלן מיר זיך שוין גאָר ניט זאָרגן.

פּלוצלינג קומט דער זיידע אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זאָגט: באָבע, וועסט שוין ניט קענען קאָכן צימעס אין טאָפּ. איך האָב גערינסן, געריסן די באַרן און עמיצער הינטער מיינע פּלייצעס האָט מיך געמאַכט צום נאַרן.

זיצט די באָבע פריידע, זיצט אויך דער זיידע. זיצן און זאָרגן זיך ביידע.

אויף מאָרגן זאָגט די באָבע פריידע: ווייסטו וואָס זיידע? גיי אין גאָרטן און רייס עפּל, וועל איך אָפּ־קאָכן קאָמפּאָט אין אַ טעפּל.

מאַכט דער זיידע: איי, איי, באָבע פריידע, וואָס וועט אַרויסקומען, אַז איך וועל רייסן, רייסן און עמיצער

אַנדערש וועט האָבן אַ גוטן איבערבייסן ?

זאָגט די באָבע פריידע: ווייסט גאָר וואָס, זיידע, איך האָב אַ גוטע עצה. איך וועל זיך שטעלן מיט אַ שטעקן אונטער דיין פּלייצע און לאָז עמיצער קומען די עפּל עסן וועט ער שוין מיינע קלעפּ קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

גיט דער זיידע פריילאַך אַ לאַך: אוי, ס'איז טאַקע אַ גוטע זאַך. איז דער זיידע צום עפּל־בוים געקומען צוגיין און די באָבע איז ערגעץ אין אַ ווינקל געבליבן שטיין.

דערווייל, די ציג איז דאָך קלוג אַ גוואַלד, האָט זי אַלע ציגן אויסגעזאָגט באַלד, אַז אין גאָרטן שטייט אַ אַלטער איד און רייסט באַרן. מעג יעדער קומען און עסן וועט אים גאָר ניט אָנהויבן אפילו צו אַרן.

אויפן אַנדערן טאָג זיינען אַלע ציגן אַוועק אין גאָרטן.

און אָט וואָס עס איז געשען, ווען די ציגן זיינען שוין אין גאָרטן געווען:

דאָס האָט מיר די באָבע דערציילט, וויפל קלעפּ זי האָט די ציגן פאַרטיילט. זי האָט זיי אַזוי געשלאָגן, אַז זיי וועלן שוין קינדס קינדער פאַרזאָגן, מער ניט עסן פרעמדע באַרן און מאַכן דעם זיידן צום נאַרן.

דער זיידע האָט אָנגעריסן אַ סך עפּל. האָט די באָבע אָפּגעקאָכט קאָמפּאָט אין אַ טעפּל.

האָט דער זיידע געגעסן און געווען פריילאַך און זיין פּנים האָט געשיינט גאָר ווי בא אַ מלך.

# דער זיידע און די באָבע פריידע

## IV



יינמל באַ דער נאַכט, האָט זיך דער ווינט געזעצט אויף אַ קוימען און זיך צולאַכט. דער ווינט איז דאָך אַ שלעכטער און אַ שטיפער אַ רעכ־טער. האָט ער זיך צולאַכט, וואָס דער זיידע און די באָבע פריידע שלאָפן אַזוי שטיל און טייער און ווען ער וויל נאָר און מאַכט גאָר אָן אַ פייער, וועלן זיי ווערן דערשראָקן און אין קלויסטער וועלן אָנהויבן צו קלינגען די גלאָקן. וועט ווערן אַ גרויס געשריי און זיי וועלן אַרומלויפן און שרייען: אוי, וויי! אוי, וויי!

האָט דער ווינט אַזוי געמאַכט. איז געוואָרן אַ פייער אינמיטן דער נאַכט. צוערשט האָבן דאָס די הינט דערזען און זיך דערשראָקן, האָבן זיי אָנגעהויבן צו בילן און אויפגעוועקט דעם מענטשן, וואָס שטייט באַ די גלאָקן. האָט יענער אָנגעהויבן צו קלינגען, זיינען דער זיידע און די באָבע פריידע פון די בעטן אויפגעשפּרונגען אַרויס אין דרויסן מיט אַ געוואַלד און אַ געשריי: „אַ פייער! עס ברענט! אוי וויי! אוי וויי!"

האָט ס׳פייער אַ גאַנצע נאַכט געברענט און גע־ברענט. האָבן זיי געוויינט און געבראָכן די הענט. און אַז די נאַכט איז אַוועק און דער טאָג איז אַריין, האָט

שוין מערער דער ווינט אין שטעטל ניט געקאַנט זיין, האָט ער אַ פייף געטאָן און איז זיך אַוועק, און צום פייער האָט געגומען אַן עק.

אָבער אַז ס׳הייזל האָט אָפּגעברענט און ס׳איז אפילו ניט געבליבן קיין שטיין, האָבן דער זיידע און די באָ־בע פריידע אויפגעהויבן אַ גרויס געוויין. געוויינט אַזוי לאַנג און אַזוי גרויס, ביז די זון איז אויפן הימל אַרויס. רופט זיך אָן די באָבע פריידע: זיידע, זיידע, ניטע, ניט וויין. די זון איז אַרויס און ס׳איז אַזוי וואַרים און שיין. לאָמיר גאָר ביידע בעסער גיין שפּאַצירן. וועט דער וועג אונדז צו אונדזערע אייניקלאַך פירן וועלן זיי אונדז אַ שטיבעלע אויפשטעלן, וועלן מיר זיך פרייען און אָנקוועלן.

זאָגט דער זיידע: ביזט טאַקע אַ קלוגעטשקע, באָבע פריידע. אַזאַ יאָר אויף מיר ווי דו ביזט גערעכט. ס׳איז טאַקע אונדז גאָר ניט אַזוי שלעכט. וועלן מיר טאַקע גיין שפּאַצירן, שפּאַצירן, און דער וועג וועט אונדז צו אונדזערע אייניקלאַך פירן.

האָבן זיי געזאָגט „זיי געזונט“ צו דעם שטיבעלע, וואָס האָט אָפּגעברענט, דערנאָך זיך אָנגענומען באַ די הענט. מיטן ברייטן וועג אָנגעהויבן צו גיין און צו שפּאַנען, געלאַכט און געפרייט זיך, וואָס אויף דער וועלט זיינען טויזנטער אייניקלאַך פאַראַנען.

דערווייל איז אַ הונט אינמיטן וועג געשטאַנען, האָט ער דערזען, ווי דער זיידע און די באָבע פריידע שפּאַצירן זיך אַזוי און שפּאַנען. האָט ער געוואָלט פון

זיי אַביסל שפּאַס מאַכן, כדי ער זאָל זיך קענען גוט אָנלאַכן. איז ער מיט אַ האַו־האַו, אויפן ויידן מיט דער באָבע פריידען אָנגעלאָפן, האָבן זיי זיך דערשראָקן און אַנטלאָפן. האָט ער זיי אָנגעהויבן נאָכצוּיאָגן און קריצן מיט די ציינער און אויפן וועג איז ניט געווען קיינער, קיינער. איז דער הונט נאָכגעלאָפן, נאָכגעלאָפן. דער זיידע מיט דער באָבע פריידע זיינען געלאָפן, געלאָפן ביז דער זיידע האָט זיין פּאַנטאָפל פאַרלאָרן אויפן וועג, האָט דער הונט דאָס אַ פּאַק געטאָן און איז אַוועק.

איז דער זיידע געבליבן שטיין און האָט שוין ניט געוואָלט ווייטער גיין. רופט זיך אָן די באָבע פריידע: זיידע, זיידע, וואָס ביסטו געבליבן שטיין? לאָמיר זיך אונדזער וועג ווייטער גיין.

זאָגט דער זיידע: אוי, ווי, באָבע פריידע, אַז איך האָב מיין פּאַנטאָפל אָנגעוואָרן איז שוין אַלצדינג פאַר־לאָרן, וועלן מיר שוין ניט קענען גיין שפּאַצירן. דער וועג זאָל אונדז צו אונדזערע אייניקלאַך פאַרפירן.

דערווייל איז אויפן וועג אַ פייגעלע אָנגעפלויגן, גע־זוכט, געגישטערט מיט די אויגן. ווייל ס'האָט געוואָלט שטאַרק עסן, אָבער אויפן וועג האָט קיינער קיין קערנד־לאַך פאַרגעסן. האָט דאָס פייגעלע טאַקע ניט געהאַט וואָס צו עסן.

פלוצלינג דערזעט ער, ווי דער זיידע און די באָבע פריידע זיצן זיך און זאָרגן. איז דאָס צו זיי צוגעפלויגן און געזאָגט: אַ גוט מאָרגן.

זאגט דער זיידע: א גוט מארגן, א גוט יאר, פייגעלע דו קליינס, פייגעלע דו שיינס, וואס האט דיך אהערצו פארטראגן און וואס ווילסטו מיר עפעס זאגן?

מאכט דאס פייגעלע אזוי: זיידע, זיידע און באבע פריידע, אוי! אוי! אפשר האט איר מיר צו געבן א פאר ברעקעלאך פון ברויט, ווייל איך בין הונגעריק ווי דער טויט.

מאכט דער זיידע אזוי: פייגעלע, פייגעלע, אוי! אוי! ווי קען איך דיר קריגן ברעקעלאך פון ברויט, אז איך האב אנגעווארן מיין פאנטאפל, שעם איך זיך און מיין פנים איז מיר רויט. קענען מיר ניט גיין שפאצירן, שפאצירן. ער וועג זאל אונדז צו אונדזערע אייניקלאך פירן.

רופט זיך אן די באבע פריידע: פייגעלע, דו פיינס, פייגעלע דו מיינס, ווען דו ווילסט, פלי אין דער וויטער וועלט אריין, דארטן ערגעץ מוזן מיינע אייניקלאך זיין. איך וועל מיט דיר א בריוול צו זיי שיקן און זאלסט מיט דעם צו זיי פליען, זיי זאלן זיך פאר אונדז זארגן און מיען, ווייל דער ווינט האט אינמיטן דער נאכט אויף אונדז א פייער געבראכט, האבן מיר אונדזער הייזל אנגעווארן, דערנאך האט דער זיידע זיין פאנטאפל פארלארן, האבן מיר זיך געזעצט אינמיטן וועג אונטער א בוים, איך און דער זיידע, זיצן און וויינען ביידע, וויינען און קלאגן און מיר קענען דאס שוין ניט אריבערטראגן.

רופט זיך אן ס'פייגעלע אזוי:

זיידע און באָבע פריידע, אוי! אוי! ווי אַזוי וועל איך דיינע אייניקלאַך קענען דערקענען, אַז אויף דער וועלט זיינען אַזוי פיל קינדערלאַך פאַראַנען?

זאָגט די באָבע פריידע: פייגעלע, פייגעלע, קוק נאָר צו מיר מיט דיין אייגעלע, אַט וועל איך דיר אַ סימן דערציילן. ווי אַזוי דו זאָלסט קענען מיינע קינ־דערלאַך פון די איבעריקע אָפּטיילן. מיינע אייניקלאַך האָבן שוואַרצע האָר און שוואַרצע אויגן, זיצן זיי אין שול, טראַכטן זיי ווי פייגעלאַך זיינען געפלויגן. זיי האָבן שטענדיק ליב צו טראַכטן און צו קלערן. דערציילט מען זיי מעשיות, וואָלטן זיי געוואָלט מ׳זאָל גאָר קיינמאָל ניט אויפהערן. אַזוי וועסטו מיינע אייניקלאַך דערקענען, כאָטש עס זיינען מיליאָנען קינדערלאַך פאַראַנען.

איז דאָס פייגעלע גאָרניט געווען אַזוי פויל, גענו־מען ס׳בריוועלע צו זיך אין מויל, געפלויגן, געפלויגן אין דער וועלט אַריין, דאָרטן וואו די אייניקלאַך דאַרפן זיין. די אייניקלאַך דערקענט, אָפּגעגעבן ס׳בריוועלע צו זיי אין די הענט.

די אייניקלאַך אַז זיי האָבן דאָס בריוועלע איבער־געלייענט, האָבן זיי שוין געוואוסט, וואָס דאָס מיינט. געגעבן דערפאַר דער פייגעלע אַ סך ברעקלאַך. דער־נאָך אָנגעטאָן די רעקלאַך, געכאַפּט זייערע שטעקלאַך און אַלע אינאיינעם מיטן בריטן וועג געלאָפן, געלאָפן. ביז וואַנעט זיי האָבן דעם בוים אינמיטן וועג אָנגע־טראָפן. דאָרטן האָבן זיי גענומען די באָבע פריידע מיטן זיידן, אויף אַ וואָגן אַרויפגעזעצט ביידן, גע־

בראַכט זיי צופירן צו אַ גרוי־הויז מיט אַ רויטער טיר און געזאָגט: זיידע, דאָ וועט זיין דאָס הויז פאַר דיר. דאָ קענסטו מיט דער באָבען וואוינען און וואוינען, וויפיל נאָר ס'וועט זיך דיר לוינען.

האָט דער זיידע דעם קאָפּ אָנגעבויגן און האָט געזאָגט: מיר זאָל זיין טייערע אייניקלאַך פאַר אייערע קעפּלאַך מיט די שאַרצע האָר און לעבן זאָלט איר דערפאַר ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. מאַכט די באָבע און האָט אויך איר קאָפּ אָנגעבויגן: מיר זאָל זיין, וואוילע קינדערלאַך פאַר אייערע קלוגע שוואַרצע אויגן.

דערנאָך זיינען זיי אין שטוב אַריין, האָבן זיי געזען, אַז דאָרט איז אַזוי גוט און פיין, אַלצדינג אַזוי שיין, אומעטום אַזוי ריין. האָבן זיי זיך געזעצט באַם טיש און אָנבייסן געגעסן און זיינען געווען זייער פריילאַך, וואָס די אייניקלאַך האָבן זיי טאַקע ניט פאַרגעסן.



# דער זיידע און די באָבע

איז געווען אַ זיידע מיט אַ באָבען. די באָבע מיטן זיידן האָבן געהאַט אַ קליין שטיבעלע. דאָס קליינע שטיבעלע איז געשטאַנען אין אַ טיפן געדיכטן וואַלד. און צום קליינעם שטיבעלע איז געווען איין אַלקערל מיט אַ קיכל.

אין קיכל איז די באָבע תמיד געשטאַנען לעבן פּריפּע-טשיק און האָט געקאָכט וואַרמעס. די שפּענדעלאַך האָבן געטראַסקעט, דאָס פייערל איז געשפּרונגען און געטאַנצט, גערייצט זיך מיט דער באָבען און איר אַלעמאָל אַרויס-געשטעקט אַ צונג. אָבער דער באָבען האָט דאָס ניט געאַרט, ווייל זי האָט געוואוסט אַז דאָס פייערל איז נאָר אַ גרויסער שטיפער, אָבער אַזוי איז דאָס אַ גוטער.

אָבער טאָמער טרעפט זיך אַמאָל און דאָס פייערל וויל טאָקע בשום אופן ניט ברענען. דענסמאָלט צו-בייזערט זיך די באָבע אויף אַן אמת, בלאָזט אויפן פּריי-פּעטשיק מיט אַלע כחות און שרייט:

פייערל, פייערל, גיכער ברען,
שוין באַלד דער זייגער צען,
דער זיידע קומט באַלד
וועט אים זיין קאַלט.

וועט זיך זעצן בײַ דער טיר
און זײַן ברוגז אויף דיר און אויף מיר.

דערהערט דאָס פּייערל אַזוינע רייד, דערשרעקט זיך דאָס, הייבט אָן צו טאַנצן און צו שפּרינגען, פּלאַ־קערן און ברענען, שוין אַ מחיה.

פּלעגט דאָס טעפּל קאַרטאָפליעס, וואָס האָט זיך געקאָכט באַם פּייער זיך אויך דערפרייען און אָנהייבן זשווזשען: זש, זש, זש. די זופּ פּלעגט אויפלויפן ביז צום דעקעלע און זיך אָנהויבן שפּילן אין כאַפּערלאַך, אָדער זיך גאָר אָנהויבן צו בלעזלען זיך און צו טאַנצן, אַקוראַט ווי זי האָט געוואָלט סטראַשען דער באָבען, אַז אָט וועט עס אויסלויפן פונעם טעפּל. אָבער די באָבע איז אַ קלוג־געטשקע. זי פּלעגט נעמען אַ לעפל און זאָגן אַזוי: איך ווילט ניט אײַנזיצן רואיק, איר ווילט ניט, ניין? נאָט זשע אײַך. און תּיכף האָט זי טאַקע אַראָפּגעשוימט אַ סך זופּ און אויסגעגאָסן ערגעץ וואו.

אָבער דאָס איז גאָרניט. ס'פּייערל האָט געטאַנצט און געשפּרונגען, ביז וואַנעט די באָבע האָט דערהערט אַז עמיצער הוסט, דאָס האָט זי שוין געוואוסט, אַז דער זיידע גייט. וואָס זשע פּלעגט זי דאַמאָלסט טאָן? גע־געבן אַ בלאָז און געמאַכט: פּפּ... און געזאָגט:

— שוין פּייערל, איך דאַרף דיך שוין ניט מערער, דער זיידע איז שוין דאָ. פּלעגט דאָס פּייערל זיך ער־געץ באַהאַלטן. און די באָבע פּלעגט גרייטן צום טיש

פלעגט דער זיידע אַריינגיין, זיך אויסהוסטן און זיך זעצן צום טיש עסן קאַרטאָפליעס מיט זופּ.

איינמאָל גייט זיך דער זיידע איבערן וואַלד און שפּאַצירט זיך. ער האָט געשפּאַצירט אַזוי לאַנג ביז וואַנען ער איז מיד געוואָרן. האָט ער גענומען און זיך אַנידערגעזעצט אונטער אַ בוים. איז ער אַזוי לאַנג געזעסן ביז וואַנעט ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

דאַרף פונקט דענסטמאָל דורכפליען אַ מלאך און דערזען, ווי דער זיידע ליגט אונטער אַ בוים און שלאָפט. האָט זיך דער מלאך אָפּגעשטעלט באַטראַכטן דעם זיידן.

טראַכט דער מלאך אַזוי צו זיך:

דער זיידע, נעבאַך, איז שוין אַזוי אַלט און שלאָפט נאָך אונטער אַ בוים אויף דער ערד. מען דאַרף אים צונעמען אין הימל אַריין, וועט ער זיך דערפרייען. נעמט דער מלאך דעם זיידן און פליט מיט אים אוועק אין הימל אַריין.

דאָרט אין הימל האָט אים דער מלאך אַריינגעלייגט אין אַ גרויס בעט אַ ווייכס און אַליין איז ער זיך אוועקגעפלויגן.

ליגט אַזוי דער זיידע און שלאָפט, און שלאָפט ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. גיט ער אַ קוק, אַז ער ליגט גאָר אין אַ גרויס ווייך בעט. רופט ער זיך אָן צו זיך אַליין: טאַקע ניט שלעכט צו ליגן אין אַזאַ גרויס ווייך בעט.




דערווייל קומט אַריין אַ מלאך, נעמט אָן דעם
זיידן בײַ דער האַנט און פֿירט אים אַריין אין אַ גרויס

ליכטיק צימער. אין דעם גרויסן ליכטיקן צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, און אויפן טיש אַ סך טע־לער מיט לעקאַך, עפּל, באַרן, וויינטרויבן און וואָס איר ווילט.

טראַכט באַ זיך דער זיידע, ס'איז טאַקע ניט שלעכט צו עסן לעקאַך, עפּל, באַרן, וויינטרויבן און וואָס איר ווילט. אָבער וואו איז די באָבע? און אַזוי ווי די באָבע איז ניטאָ מיט אים, לאָזט ער אַראָפּ די נאָז, ווערט ברוגז און וויל גאָר ניט עסן.

דערווייל, איז זיך די באָבע געשטאַנען לעבן פּרי־פּעטשיק און האָט געקאָכט די קאַרטאָפליע־זופּ. זי שטייט איין שעה, זי שטייט צוויי שעה, די זופּ האָט זיך שוין פון לאַנג אָפּגעקאָכט און דער זיידע איז נאָך ניטאָ. הייבט זיך שוין די באָבע אָן צו זאָרגן. גיט זי אַ זאָג צום פּייערל:

— פּייערל רויטס, פּייערל טייערס, ווייסט אפשר פאַרוואָס איז דער זיידע נאָך ניט געקומען?

מאַכט דאָס פּייערל:

— ווי קאָן איך וויסן? אָט וועל איך אַרויספליען אים ערגעץ זוכן. איז פּייערל טאַקע אַרויסגעפלויגן דורכן קוימען, פונם קוימען אַרויס, הויך גאָר הויך, זוכן דעם זיידן.

ס'איז געוואָרן נאַכט, אַ ווינט אין וואַלד האָט אָנ־געהויבן צו ברומען. די ביימער האָבן זיך געשאָקלט און געקלאַפּט מיט די צווייגן. איז געוואָרן אַ גרויסער רעש. אין שטיבל איז געווען פינצטער, פינצטער. די

באָבע האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד און האָט געוואַרט. איז שוין געוואָרן שפּעט אין דער נאַכט, דער ווינט אין וואַלד האָט געפּייפט און געוואָיעט: הו — הו. און דער זיידע איז נאָך ניטאָ. און די באָבע זיצט אַליין אין פינצטערן שטיבל. זיצט זי אַזוי און זיצט ביז וואַנען זי צעוויינט זיך. וויינט זי אָפּ אַזוי לאַנג, לאַנג, ביז וואַנעט זי גיט אַ טראַכט: אַנו, איך וועל אַליין גיין זוכן דעם זיידן, אפשר וועל איך אים געפינען.

נעמט זי אַ שאַל און פאַרוויקלט דעם קאָפּ. גייט אַרויס פונם שטיבעלע אין פינצטערן וואַלד אַריין. אָבער ווי אַזוי קען די באָבע זוכן דעם זיידן, אַז אין וואַלד איז אַזוי פינצטער, ווייסט זי ניט וואָס צו טאָן. בלייבט די באָבע שטיין און הייבט ווידער אָן צו וויינען.

אַזוי ווי זי וויינט, איז פּלוצלינג דערזעט זי אַ פייערל קומט אָן פונם טיפן וואַלד. ס'פייערל פינקלט און פינקלט און קומט צו אַלץ נענטער און נענטער, ביז וואַנעט ס'איז צו צו דער באָבען, זאָגט ס'פייערל:

— באָבע, באָבע ניט געזאָרגט.

מאַכט די באָבע:

— וואָס הייסט ניט געזאָרגט? נו, און דער זיידע?

זאָגט ס'פייערל:

— איך ווייס שוין וואו דער זיידע איז. קום מיט מיר וועסטו אים באַלד געפינען.

לויפט ס'פייערל פון פאָרנט און די באָבע לויפט נאָך פון הינטן. לויפן זיי אַזויביידע לאַנג, לאַנג, ביז וואַנען די באָבע ווערט מיד. מאַכט זי צום פייערל:

— פייערל, פייערל, וואו איז שוין דער זיידע ? איך בין שוין אזוי מיד.

מאכט ס׳פייערל :

— קום, וואס ארט דיך, וועסט שוין אליין זען.

לויפט שוין די באבע ווייטער נאך דעם פייערל ביז וואנעט זיי קומען צו צו עק וועלט. זאגט די באבע :

— פייערל, פייערל, ווי קען איך גיין, אז ס׳איז שוין עק וועלט.

זאגט דאס פייערל :

— אז דו קענסט ניט גיין, וועסטו פליען. און טאקע באלד הייבט אן די באבע פליען אין דער הויך. געפלויגן ניט לאנג און אנגעקומען צום זיידן.

אז דער זיידע האט דערזען די באבען איז ער געווארן זייער פריילאך. רופט ער זיך אן :

— באבע, וועסט שוין זען ווי גוט דא איז. מיר וועלן שלאפן אין גרויסע ווייכע בעטן און מיר וועלן עסן א סך גוטע זאכן.

זאגט די באבע :

— דאס אלצדינג איז זייער גוט, אבער וואס וועלן מיר טאן די איבעריקע צייט ?

— די איבעריקע צייט, — מאכט דער זיידע, — וועלן מיר זיצן אויף דער הוידלקע, מיר וועלן זיך הוידען און דערציילן מעשיות.

איז דער באבען זייער געפעלן געווארן אזא זאך. האט זי זיך אנגעהויבן שטארק צו פרייען און איז דארט פארבליבן.

# אויך מיר שרה

## (ערשטע מעשהלע)



איז געווען אַמאָל אַ מיידעלע שרה. איז די מיידעלע שרה געווען אַ קלוגע און אויך אַ שיינע. אָבער אַ מאָדנע טבע האָט זי געהאַט: וואָס מע פלעגט איר זאָגן, פלעגט זי קיינמאָל ניט צו־שטימען, נאָר אַ דריי טאָן מיטן נעזל און אַ זאָג טאָן: „אויך מיר אַ זאַך, וועמען אַרט דאָס“.

למשל, אַז די מאַמע פלעגט איר זאָגן: „שרה דו האָסט היינט זייער גוט אויסגעוואַשן די טעלער, ביזט באַ מיר אַ בריה“. פלעגט שרה אַ דריי טאָן מיטן נעזל און זאָגן: „אויך מיר אַ בריה, אויך מיר ריין, דאָס הייסט באַ דיר ריין?“

אָבער טאַמער פלעגט איר דער לערער זאָגן: — „שרה, האָסט היינט זייער שלעכט געענטפערט אויף מיי־נע פראַגן“, פלעגט זי ווידער אַ דריי טאָן מיטן נעזל און זאָגן: „אויך מיר שלעכט, דאָס הייסט באַ איך שלעכט?“

אָבער ניט דאָס וויל איך אייך דערציילן.

איינמאָל, נאָך סוכות איז דאָס געווען, אין אַ פאַר־נאַכט, איז שרה געזעסן מיט אירע חברטעס אין פאַרק און געקוקט אויף די ביימער.

רופט זיך אָפּ דבורה, איינע פון די חברטעס: „די ביימער זיינען שוין נאַקעט, ניטאָ אפילו קיין איין בלעטל“.

כאַפּט אונטער אַ צווייטע חברטע: „באַלד וועט דער ווינטער קומען מיט אַ ווייסן שניי, וועט ער אָנטאָן די ביימער אין ווייסע מאַנטלען, וועלן זיי שוין מער ניט זיין נאַקעט, וועלן זיי שוין מער ניט ציטערן, וועט זיי זיין גוט“.

רופט זיך אָפּ שרה און גיט אַ דריי מיטן נעזל: „אויך מיר ווינטער, אויך מיר אַ ווייסער שניי, איך האָב פיינט דעם ווינטער, איך האָב פיינט דעם ווייסן שניי און קען זיי ביידע ניט אָנקוקן“.

דאָס האָט שרה געזאָגט ווי איר שטייגער איז. איי־רע חברטעס האָבן איר אויף דערויף גאַרניט געענטפערט. נאָר אין דער מינוט, האָט דער ווינט שטאַרקער ווי אַלע מאָל אַ בלאָז געטאָן. קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער ווינט האָט אַ בלאָז געטאָן. האָבן די חברטעס ווייטער צווישן זיך גערעדט. גערעדט ביז ס'איז געוואָרן שפּעט, זיינען זיי זיך צעגאַנגען יעדערע צו זיך אַהיים.

עס איז אַוועק אַ שטיק צייט. שרה האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, וואָס זי האָט אַמאָל געזאָגט וועגן ווינ־טער און שניי.

איינמאָל פאַרנאַכט, רופט זיך אָן שרה צו איר מאַמען: „מאַמע, איך גיי אַרויס אין פּאַרק אַריין אַביסל שפּאַצירן“.

רופט זיך אָן איר מאַמע: „ס'טייטש, ס'איז דאָך

קאַלט, אַ שניי פאַלט, אַ ווינט בלאָזט, קיין לעבעדיקן מענטשן וועסטו דאָך ניט דערזען אין פּאַרק?“.

רופט זיך אָן שרה, ווי איר שטייגער איז, און גיט אַ דריי מיטן נעזל: „אויף מיר קאַלט, אויף מיר אַ שניי פאַלט, אויף מיר אַ לעבעדיקער מענטש, ווער דאַרף זיי אַלע האָבן! איך וויל מיר גיין שפּאַצירן און שוין“.

און אַזוי האָט זי טאַקע געטאָן: זיך אָנגעטאָן און איז אַוועקגעגאַנגען אין פּאַרק.

איז אין פּאַרק געווען ליידיק, אַלע ביימער ווייסע, אַלע ביינקלאַך ווייסע, אַ ווינט האָט זיך געבלאָזן און שאַ, שטיל.

האָט שוין שרהן אַביסל באַנג געטאָן, וואָס זי איז אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן אין אַזאַ קעלט. אָבער זי איז דאָך געווען אַן עקשן — איז גאָרניט.

איז ווי זי גייט, דערזעט זי פּלוצלינג פון אַ צווייטן וועג קומען צולויפן פאַרסאָפּעט צוויי אַלטע אידן. איי־נער האַלט אַ טאָרבע, דער צווייטער אַ שטעקן. ביידע זיינען זיי צו איר צוגעלאָפן אָן אַן אָטעם. דער וואָס מיטן שטעקן האָט אויסגעשריען: „אָט דאָס איז זי דאָך!“ דער צווייטער האָט אויפגעבונדן די טאָרבע, זי אַריינגעכאַפּט אינווייניק און פאַרבונדן.

מער האָט שוין שרה גאָרנישט ניט געזען. זי האָט נאָר געפילט, ווי זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און פליט. האָט זי פאַרמאַכט די אויגן און גע־ציטערט.

פּלוצלינג, האָט זי דערפילט, ווי מע האָט זיך

אָפּגעשטעלט און ס'איז געוואָרן שטאַרק קאַלט. איינער פון די אַלטע האָט צעבונדן די טאָרבע און זי איז אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט. גיט זי אַ קוק: עפּעס אַ הויכער באַרג מיט אַזוי פיל שניי. די צוויי אַלטע שמייכלען און קוקן אויס עפּעס זייער מאָדנע. ביידע האָבן לאַנגע ווייסע בערד, די בערד ווייזן אויס, ווי זיי וואָלטן געוועזן פון ווייסן קלאָרן שניי. זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס זיינען אויך ווייס, זייערע שיך — ווייס, זייערע היטלען — ווייס.

באַלד האָט זיך אָנגערופן דער איד מיטן שטעקן: „נו, איצטער, שרה עקשן, וועסטו שוין וויסן ווי צו לאַכן פון דעם ווינטער מיטן שניי?"

רופט זיך אָפּ שרה: „אויך מיר לאַכן, דאָס הייסט באַ אייך לאַכן?"

ווערן די צוויי אַלטע שטאַרק אין כעס און שרייען אויס: „וואָס, דו ווילסט נאָך שטאַרקער לאַכן?! באַלד בינדן מיר דיך אין קייטן."

באַקומט שוין שרה מורא, מע זאָל זי ניט פאַרבינדן אין קייטן, אָבער זי קען זיך ניט אָפּהאַלטן און גיט ווייטער אַ דריי מיטן נעזל און רופט זיך אָן: „אויך מיר קייטן. ווער האָט דען מורא איר זאָלט מיך פאַרבינדן?"

האָבן די צוויי אַלטע שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן פון כעס, האָבן זיי זי אַ כאַפּ געטאָן, אַוועק מיט איר אויפן סאַמע שפּיץ באַרג.

אויפן שפּיץ באַרג איז געשטאַנען אַ ווייס הייזל



מיט איין פענצטער. אַהין האָט מען זי אַריינגעטראָגן, פאַרשמידט זי מיט קייטן פון וויסן אייז.
אַזוי האָבן די אַלטע איר געטאָן און זיך אָפּגע־ רופן: „נו, איצטער וועסטו שוין וויסן!“

איז שׂרהן געוואָרן שטאַרק קאַלט, איז איר געוואָרן זייער ניט גוט. האָט זי שוין געוואָלט וויינען און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין אירע אויגן. האָט זי אַ דריי געטאָן מיטן נעזל און געזאָגט: „אויך מיר וויסן, דאָס הייסט באַ אייך וויסן?“

זיינען די אַלטע געוואָרן אַזש אָנגעצונדן פון בייזקייט, זיי האָבן זיך אַזש אַ קלאַפּ געטאָן יעדער אין קאָפּ אַריין און האָבן אַ געשריי געטאָן:

„דו שׂרה־קאַפּאַרע, דו נאַרישע מויד וואָס דו ביזט. אויף דיין גאַנץ לעבן וועסטו שוין מער ניט זען דיין טאַטן און מאַמען. דאָ וועסטו באַ אונדז ליגן פאַרשמידט אין קייטן, וועסטו שוין וויסן ווי פון אונדז לאַכן און אונדז ריידן אַנטקעגן.“

האָט זיך שׂרה שטאַרק דערשראָקן, וואָס זי וועט בלייבן דאָ אויף איר גאַנץ לעבן און וואָס זי וועט שוין מער ניט זען איר טאַטע־מאַמע, האָט זי זיך שטאַרק צעוויינט מיט גרויסע טרערן. אָבער זי האָט זיך אַלץ ניט געקענט אָפּהאַלטן, אַ דריי געטאָן מיטן נעזל און געזאָגט מיט אַ וויינענדיק קול:

„פּכי, פּכי, פּכי, אויך מיר זען טאַטע־מאַמע, אויך מיר זיין דאָ ס'גאַנצע לעבן, אויך מיר רעדן אַנטקעגן, ווער האָט דען מורא פאַר אייך? פּכי, פּכי, פּכי.“

באַ די רייד האָבן שוין די אַלטע זיך געוואָלט דערהרגענען פון כעס, האָבן זיי נאָר אַ ברום געטאָן ווי אַ ווינט אַ שטאַרקער און אַרויסגעלאָפן פון הייזל.

איז שׂרה אַליין געבליבן אין הייזל, געוויינט און

געקלאָגט און זיך איינגעהערט, ווי די צוויי אַלטע ברו־מען נאָך אַלץ ווי אַ גרויסער שניי־שטורם.

האָט שרה געוויינט אַזוי לאַנג ביז זי איז איינגע־שלאָפן.

אויפן צווייטן טאָג זיינען די אַלטע ווידער צו איר געקומען, געבראַכט איר ווייס ברויט מיט אַ הייסן עפּל און איר געזאָגט:

„נעם, עס, אַז ניט וועסטו נאָך שטאַרבן פון הונ־גער".

אָבער שוין אַזאַ טבע האָט זי, אַ דריי געטאָן מיטן נעזל און איבערגעקרימט:

„אויך מיר הונגעריק", אויך מיר עפּל, אויך מיר ברויט, ווער דאַרף דען דאָס האָבן?"

האָבן די צוויי אַלטע אַזש ניט געקענט שטיין און קוקן אויף שרהן, אַזוי שטאַרק האָבן זיי איר פיינט געהאַט. האָבן זיי גאָרניט געענטפערט און זיינען זיך אַרויסגעגאַנגען.

האָט שרה געקוקט אויפן ברויט מיטן עפּל, גע־קוקט אַזוי לאַנג, ביז וואַנעט זי האָט דאָס טאַקע אויפ־געגעסן.

אַזוי אַלע טאָג, האָבן די אַלטע איר געבראַכט עסן, איר גאָר ניט געזאָגט און זיינען זיך אַוועקגעגאַנגען.

אַזוי זיינען פאַרביי צוויי חדשים.

קומען איינמאָל צו איר די אַלטע און זאָגן אַזוי:

„הער אויס, שרה עקשן, דו ווייסט פאַר וואָס מיר האָבן דיך געבראַכט אהער?"

ווערט שרה שטאַרק נייגעריק. פאַרוואָס טאַקע האָט מען זי געבראַכט אַהער? אָבער זי טוט אַ דריי מיטן נעזל און זאָגט:

„אויך מיר געבראַכט אַהער, ווער דאַרף דען דאָס וויסן?"

האָבן שוין די אַלטע געוואָלט אַנטשווינגן ווערן און איר גאָרניט זאָגן, אַזוי אין כעס זיינען זיי געווען. אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעהאַלטן און איר ווייטער געזאָגט:

„מיר האָבן דיך געבראַכט אַהער און פאַרשלאָסן אין דעם הייזל, ווייל דו האָסט איינמאָל געזאָגט, אַז דו האָסט פיינט דעם ווינטער מיטן שניי. אַזוי האָט אונדז דערציילט דער ווינט. ער איז דאַמאָלסט געווען אין פּאַרק און האָט זיך אונטערגעהערט. הייסט דאָס, האָסטו אונדז באַליידיקט, ווייל מיר ביידע טאַקע זיינען דאָס דער ווינטער מיטן שניי. איצטער, אַז דו ווילסט צוריק אַהיים, דאַרפסטו נאָר זאָגן: „אַנטשולדיקט, ווינטער מיטן שניי, איך וועל אייך שטענדיק ליב האָבן". אַזוי באַלד לאָזן מיר דיך תיכּף פריי.

האָט זיך שרה דערפרייט, אַז זי האָט דאָס דער־הערט, האָט זי שוין געוואָלט טאָן, אַזוי ווי מע הייסט איר, אָבער דער עקשן איז איר ווידער אָנגעקומען און זי האָט אַ דריי געטאָן מיט דער נאָז און געזאָגט:

„אויך מיר גיין אַהיים, ווער דאַרף דען דאָס גיין אַהיים? מיר איז דאָ אויך גוט."

האָבן די אַלטע אויש צעבראָכן דאָס פענצטער פון כעס, ווען זיי האָבן דאָס פון איר מויל דערהערט. זיי

זיינען גיך אַרויס, אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און מער קיינמאָל שוין צו איר ניט געקומען, איר אפילו עסן ניט געבראַכט.

איז שרה געלעגן אין הייזל, געווען שטאַרק הונ־געריק, געבייִנקט אַהיים, האָט זי געוויינט און געוויינט.

אַזוי זיינען פאַרביי נאָך עטלאַכע וואָכן, שרה איז שוין געווען אַזוי אויסגעדאַרט פון הונגער, נאָך אַביסעלע און זי וועט שטאַרבן.

פּלוצלינג עפנט זיך די טיר און ס'קומט אַריין אַ אינגל, אין גרינע קליידער פאַרפּוצט, אויפן קאָפּ אַ קראַנץ פון בלומען, אַזאַ שיינער און אַ גוטער. אַז שרה האָט אים דערזען, איז זי פּלוצלינג שטאַרק פריילאַך געוואָרן.

רופט זיך אָפּ דער אינגל אין גרינעם:

„וואָס וויינסטו ? און וואָס ביזטו אַזוי דאַר ? און וואָס ביזטו פאַרשמידט אין קייטן ? מסתמא דער ווינ־טער מיטן שניי האָבן דיר אַזוי געטאָן. דו ווילסט, וועל איך דיך באַלד באַפרייען.

האָט שוין שרה געוואָלט אַ דריי טאָן מיטן נעזל און אים אָפּענטפערן ווי איר שטייגער איז, אַז „אויך מיר וויינען, אויך מיר געשמידט אין קייטן, אויך מיר באַפרייען, און ווער דאַרף גאָר ער זאָל זי באַפרייען". אָבער אין דער מינוט האָבן די בלומען אַזוי שטאַרק איר פאַרשמעקט, אַז זי האָט אַזש אַ ניס געטאָן און ניט געקענט אַ דריי טאָן מיטן נעזל.

האָט דער אינגל אין גרינעם געמיינט אַז דאָס

האָט שרה אַ ניס געטאָן אויף יאַ. האָט ער תיכף גע־
געבן אַ בלאָז, זיינען די קייטן צעגאַנגען געוואָרן אין
וואַסער, ס'הייזל איז צעגאַנגען געוואָרן און שרה איז גע־
בליבן פריי. דערנאָכדעם האָט דער אינגל אין גרינעם
זי אַ כאַפּ געטאָן און אַ פלי געטאָן מיט איר באַרג
אַראָפּ, באַרג אַראָפּ, ביז זיי זיינען געקומען אַהיים.

אַזוי פליענדיק האָט שרה געזען, ווי אַלצדינג איז
שוין געוואָרן גרין און ס'איז וואַרעם. האָט זי געטראַכט:
זע נאָר, אַ גאַנצן ווינטער אָפּגעלעגן אין הייזל. דער־
נאָכדעם, האָט זי זיך איינגעקוקט, ווי ער איז אַזאַ שיי־
נער און ס'שמעקט אַזוי גוט פון אים, האָט זי אים
תיכף ליב באַקומען.

דערווייל לעבן איר הויז שטעלט זיך ס'אינגל אָפּ
מיט איר און זאָגט איר: אָט דאָס איז דיין הויז, און
דו מיידל ביזט אַזאַ שיינע, דערלויב מיר איך זאָל קומען
צו דיר אַלע טאָג און שפּאַצירן מיט דיר אַביסל.

האָט שרה אַזוי געחלשט אים זען אַלע טאָג בא
זיך אין הויז און גיין מיט אים שפּאַצירן, אָבער ס'איז
דאָך פּאָרט שרה עקשן, האָט זי אַ דריי געטאָן מיטן
נעזל און געזאָגט:

אויך מיר אַ שיינע, אויך מיר קומען אין מיין
הויז, ווער וויל דען גיין מיט דיר שפּאַצירן?

האָט דער אינגל אין גרינעם אַראָפּגעלאָזט די אויגן
אָנגעהויבן צו וויינען און זיך אַוועקגעגאַנגען שטילערהייט.

האָט שרה אים נאָכגעקוקט ווי ער גייט זיך אַזאַ
טרויעריקער און זי האָט אים אַזוי שטאַרק געוואָלט רופן

צוריק, אָבער — שרה עקשן, האָט זי געשוויגן.

דאָס אינגל איז געגאַנגען און געוויינט, געגאַנגען און געוויינט ביז ער איז אַרויף אויף די בערג און פאַר־שוואונדן געוואָרן.

קומט שרה אַריין אין שטוב, דערפרייען זיך אַלע מיט איר, דער טאַטע, די מאַמע. דערציילט שרה, וואו זי איז געוועזן און וואָס מיט איר איז געשען.

פרעגט מען זי: אָבער איצט ביזטו פריילאַך, וואָס דו ביזט שוין צוריקגעקומען?

ענטפערט שרה, ווי איר שטייגער איז: „אויך מיר פריילאַך".

און איצטיק מאָל האָט זי טאַקע געזאָגט דעם אמת, ווייל זי האָט שטאַרק געבייַנקט נאָך דעם אינגל.

איר מאַמע האָט געוואוסט איר טבע, איז זי ניט געוואָרן אין כעס. הלואי וואָלט דאָס אינגל אין גרינעם אויך געוואוסט איר טבע, וואָלט ער ניט פאַרשוואונדן געוואָרן. ווייל פון דאַמאָלסט אָן איז שרה געוואָרן אַ טרויעריקע און שטענדיק געבייַנקט נאָכן אינגל אין גרינעם. באַזונדערס ווינטער, ווען ס'איז שטאַרק קאַלט.

# אויך מיר שרה

(צווייטע מעשהלע)

דער ווינטער איז געווען אַ מוראַדיק קאַלטער. טיפע שנייען זיינען אויס־געפאַלן. בייזע ווינטן זיינען געקומען צופליען, געיאָגט זיך אַ גאַנצן טאָג אין דרויסן און באַנאַכט געריסן טירן און פענצטער, געוואָיעט, געוויינט און זיך געבעטן אַריין.

אין אַזוינע נעכט פלעגט שרה ניט קענען אַנט־שלאָפן ווערן: אַלץ טראַכטן ווי גוט וואָלט געווען, ווען פלוצלינג קומט אָן דאָס אינגל אין גרינעם, ווי, וואָלטן די ווינטן זיך דערשראָקן!

איינמאָל באַנאַכט, סוף ווינטער ליגט שרה אין בעט און קען ניט אַנטשלאָפן ווערן: ווייל זי האָט גע־האַלטן אין איין טראַכטן און קלערן פון אינגל אין גרי־נעם.

ווייל די ווינטן האָבן אַזוי שטאַרק געריסן די פענצטער, געוואָיעט ווי וועלף, געשמיסן מיט שניי אויף די שויבן און זיי נאָר געוואָלט צעברעכן.

פלוצלינג, דערהערט זי אַ קול, עפעס אַזאַ קענט־לאַכס: „אויפהערן זאָלן די ווינטן צו קאָמאַנדעווען, הענ־

געז זאָל בלייבן דער שניי אין די וואָלקנס און צו דער ערד ניט אַראָפּפאַלן, ווייל איך, דער פרילינג בין גע־קומען צו גיין.״

איז תיכף געוואָרן שטיל, שטיל. די ווינטן זיינען ערגעץ אַנטלאָפן געוואָרן, דער שניי איז געבליבן אין די וואָלקנס הענגען.

רופט זיך ווידער אָן דאָס קול אין דרויסן: „קו־מען זאָלן צופליען וואַרימע ווינטן, פאַרטרייבן זאָלן זיי די וואָלקנס, אַ בלאָז טאָן איבערן שניי און אים מאַכן אין וואַסער צעגיין.״

תיכף זיינען וואַרימע ווינטן געקומען צופליען און זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט: איז דער שניי אין וואַסער צעגאַנגען און געלאָפן ריטשקעסווייז מיט אַזאַ טומל, מיט אַזאַ רעש. די שנייאיקע וואָלקנס זיינען צע־בלאָזן געוואָרן, די לבנה האָט זיך באַוויזן און שטערנד־לאַך האָבן זיך צעפינקלט.

איז שרה אַראָפּגעקראָכן פונם בעט, צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַ קוק געטאָן אין דרויסן. האָט זי געזען, ווי די נאַכט איז ליכטיק און קלאָר. אינמיטן דער גאַס, פונקט אַנטקעגן דער לבנה, שטייט דאָס אינגל אין גרינעם, אויפן קאָפּ אַ קראַנץ בלומען, שטייט פאַרלייגט די הענט און קוקט פאַרטראַכט אין דער לבנה זיך איין.

איז דאָס אינגל געשטאַנען אַזוי אַ לאַנגע צייט ביז ער האָט אויפגעהערט צו טראַכטן, זיך אַ ריר געטאָן, צוגעגאַנגען צו אַ הויז, אַריינגעקוקט אין די פענצטער,

צוגעגאַנגען צו אַ צווייט הויז און אַריינגעקוקט. אַזוי אין אַלע פענצטער פון אַלע הייזער איבער דער גאַנ־צער גאַס.

האָט שרה זיך שטאַרק דערפרייט, ווען זי האָט דערזען, ווי דאָס אינגל אין גרינעם קוקט אין די פענצ־טער אַריין, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז דאָס אודאי זוכט ער זי אַרום און באַלד וועט ער צוקומען צו איר הויז. ער וועט זי דערזען שטיין באַם פענצטער, וועט ער זיך זייער דערפרייען. זי, שרה, וועט זיך אויך דערפרייען. זי וועט אויפעפענען דאָס פענצטער, זי וועט אים געבן איר האַנט און זאָגן : „האַלאָ, אינגל אין גרינעם, איך האָב אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך דיר. גוט וואָס דו ביזט איצט געקומען צו מיר.“

שטייט שרה באַם פענצטער, וואַרט אויפן אינגל אין גרינעם און אַט־אַ־טאַ . . .

איז אָבער דאָ באַלד דער עקשן צו איר ווידער געקומען : האָט זי אַליין פאַר זיך אַ דריי געטאָן מיטן נעזל און אַ זאָג געטאָן : „אויך מיר ס'אינגל אין גריי־נעם, ווער דאַרף אים דען האָבן ?“ און טאַקע באַלד אַוועק פון פענצטער, אַריין אין בעט און זיך באַהאַלטן אונטער דער קאָלדרע.

דערווייל איז דאָס אינגל אין גרינעם צוגעגאַנגען צו שרהס פענצטער, אַריינגעקוקט, געגעבן אַ זיפץ און אַ זאָג געטאָן : „אויך דאָ איז שרה ניטאָ, וואו זשע קען זי זיין ?“ באַ די ווערטער האָט שרה אַרויסגע־שטעקט איר קאָפּ פון אונטער דער קאָלדרע. דאָס

אינגל אין גרינעם האט זי תיכף דערקענט און אויס־געשריען פריילאך : א גוט אָוונט, שרה, איך זוך דיך שוין אַזוי לאַנג אַרום, אין אַלע פענצטער אַריינגעקוקט...

אָבער בּאַ די ווערטער האט שרה ווידער פאַר־שטעקט איר קאָפּ אונטער דער קאָלדרע.

רופט זיך אָן דאָס אינגל :

— איך האָב דיך אַזוי לאַנג אַרומגעזוכט, זיי זשע מיט מיר חבר, איך האָב דעם גאַנצן ווינטער געבּיינקט נאָך דיר.

גיט שרה אונטער דער קאָלדרע אַ דריי מיטן נעזל און מאַכט אַזוי :

— אויך מיר געבּיינקט, אויך מיר אַרומגעזוכט, ווער דאַרף דאָס וויסן ?

אַז דאָס אינגל האט דאָס דערהערט איז ער זייער טרויעריק געוואָרן, געבּליבּן שטיין שטיל און זיך צע־וויינט. האָט שרה געהערט ווי ער וויינט, האט איר שוין באַנג געטאָן און זי האט שוין געוואָלט גיך אַראָפּ־שפּרינגען פון בּעט און אויפעפענען ס'פענצטער און אים זאָגן, אַז זי וויל אַזוי שטאַרק מיט אים זיין חבר, אָבער אָן עקשן בּלייבּט אָן עקשן.

דאָס אינגל איז געשטאַנען און געוויינט בּיז וואַנען דער טאָג האט שוין געדאַרפט קומען. און אַז דער מאָרגן־שטערן האט זיך באַוויזן, האט ער אָפּגעווישט די טרערן און איז אַוועקגעגאַנגען אַ טרויעריקער.

האט שרה געהערט ווי ער גייט אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער און אַז האָט מען שוין באַלד ניט

זיינע טריט, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען, אויפגעמאַכט דאָס פענצטער און געשריען אין גאַס אַריין:

— אינגל אין גרינעם, אינגל אין גרינעם, קער זיך אום צוריק. איך וועל זיין מיט דיר חבר.

דאָס אינגל אין גרינעם האָט שוין אָבער ניט גע־קענט דערהערן איר קול, ער איז שוין געווען ווייט אין די בערג אוועקגעגאַנגען.

האָט זיך שרה צעוויינט, איז איר מאַמע אַריין פון צווייטן צימער און אַ פרעג געטאָן:

— שרה, וואָס האָסטו אַזוי פריער געשריען? און וואָס וויינסטו איצט?

גיט שרה אינמיטן געוויין אַ דריי מיטן נעזל און אַ זאָג:

— פּכי, פּכי, אויך מיר שרייען, אויך מיר וויינען, אַט דאָס הייסט באַ דיר געוויינט?

פּכי, פּכי.

האָט די מאַמע אַ שמייכל געטאָן, געגלעט שרהן איבערן קאָפּ און געזאָגט:

— נאַריש מיידל מיינס, וואָס דו ביזט, נאַריש קעלבל דער מאַמעס.

דער פרילינג איז שוין טאַקע געקומען. די טעג זיינען געווען אַזוינע ליכטיקע און וואַרימע. דאָס אינגל אין גרינעם איז געווען שטאַרק פאַרנומען. אַלע נעכט פלעגט ער אַרומגיין מיט אַ לאַנגער טאָרבע איבער די אַקסלען. אַריינגעשטעקט אַלע מאָל די הענט אין דער טאָרבע, אַנגענומען פולע זשמעניעס מיט קערנדלאַך און

זיי צעוואָרפן איבער די פעלדער און גערטנער און אויף די ברייטע וועגן.

פאַרטאָג האָבן גרינע קליינע בלעטלאַך אַרויסגע־שפּראָצט. פלעגט שרה שפּאַצירן אין גאָרטן מיט אירע חברטעס, זיך אָפּשטעלן איבער יעדער בלעטל און זאָגן: „וואַקס, בלעטל, וואַקס, ביז אַ שיינע בלום וועט אַרויס־שפּראָצן“.

שרה האָט שוין געוואוסט וועמעס אַרבעט דאָס איז, אָבער זי האָט געשוויגן און נאָר געביינקט און גע־ביינקט.

דערוויל איז אָנגעקומען דער יום טוב פּסח. אויפ־דערנאַכט האָט שרהס טאַטע אַ סדר געפּראַוועט, זיך געזעצט אַרום טיש און איר טאַטע האָט מעשיות פון פּסח דערציילט.

דאָס גרינע אינגל איז זיך ווי אַלע נאַכט געגאַנ־גען מיט דער טאָרבע איבער די פּלייצעס און געוואָרפן קערנדלאַך איבער פעלדער, איבער גערטנער און ברייַ־טע וועגן. אַז די טאָרבע איז שוין געוואָרן ליידיק, איז ער אַריינגעקומען אין שטאָט אַריין.

דערזעט ער, ווי אין אַלע הייזער איז אַזוי פריי־לאַך. האָט ער זיך פריער פאַרוואונדערט, אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ס'איז פּסח און ס'איז אים תּיכף געוואָרן פאַרענטפערט. ער האָט זיך אַוועקגע־שפּאַצירט צו שרהס הויז, געשטעלט זיך לעבן אָפענעם פענצטער און אַריינגעקוקט.

אינווייניק, אין שטוב, זיצן אַלע אַרום טיש און

באַמערקן גאָר ניט, אָבער זיי דערפילן פלוצלינג, ווי ס'שמעקט אַזוי גוט, פונקט ווי טויזנטער בלומען וואָלטן זיך צעוואַקסן אונטערן פענצטער. מאַכן אַלע אין שטוב: אַה, ווי ס'שמעקט, אַ מחיה. הייבן אַלע אויף די קעפּ און גיבן אַ קוק צום פענצטער, האָט דאָס אינגל דער־זען, ווי מען האָט זיך אומגעקוקט צו אים האָט ער זיך דערשראָקן און איז אַנטלאָפן, גיך, גיך. איז שרה באַלד אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, געגאַנגען איבער אַלע גאַסן אים אַרומגעזוכט אין אַלע ווינקעלאַך און אים אין ערגעץ ניט געפונען. און אַז זי האָט אים נ'ט גע־פונען, האָט זי זיך געזעצט אויף דער ערד, אַ ווײַלע געשוויגן, געשוויגן ביז זי האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול. האָט איר מאַמע דערהערט און צוגעלאָפן צו איר און געוואָלט זי אַרײַננעמען אין שטוב אַרײַן, אָבער דער־עקשן האָט ניט געוואָלט. האָט שרה געוויינט אַזוי לאַנג ביז וואַנען זי איז איינגעשלאָפן, און איר מאַמע האָט זי גענומען אויף די הענט און זי אַוועקגעטראָגן אַהיים און זי געלייגט אין איר בעטל שלאָפן.

אויף מאָרגן באַנאַכט איז ווידער געווען אַ סדר. מען איז געזעסן אַרום טיש און מען איז אַלע געווען פרייליך, נאָר שרה איז ניט געווען פריילאַך, געקוקט אַלע מאָל צום פענצטער און געטראַכט, טאָמער וועט זי ווידער דערזען דעם אינגל אין גרינעם.

דאָס אינגל איז אָבער נאָך ניט געקומען. ס'איז געוואָרן שפּעט אין דער נאַכט, אַלע זיינען זיך צעגאַנ־גען שלאָפן, שרה האָט ניט געוואָלט גיין שלאָפן. זי

איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, זיך געזעצט אויף די טרעפּ פון גאַניק. אין דרויסן איז געווען אַזוי ליכטיק, די לבנה האָט געשיינט; וואַרימע ווינטלאַך האָבן פון ערגעץ געבלאָזן. ס'האָט געשמעקט, ווייל ערגעץ איבער די פעלדער איז אַרומגעגאַנגען דאָס אינגל אין גרינעם מיט אַ קראַנץ בלומען אויפן קאָפּ.

שרה איז געזעסן און געבענקט, געבענקט אַזוי לאַנג ביז זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן. שלאָפט שרה אויף די טרעפּ, קומט אָן דאָס אינגל אין גרינעם, גייט צו שטילערהייט, זעצט זיך אַנידער לעבן איר, קוקט אויף איר און רעדט אַזוי אין דער שטיל: זי שלאָפט, איך וועל זי ניט אויפוועקן. איך וועל גלאַט אַזוי שטיל זיך זיצן לעבן איר.

פילט שרה אין איר שלאָף, ווי ס'שמעקט אַזוי גוט. דערפרייט זי זיך אין שלאָף און טראַכט: אודאי ס'אינגל אין גרינעם צו מיר געקומען, שטרעקט זי אוים אַ האַנט פונם שלאָף, פילט זי ווי עמיצער רירט זי אָן, כאַפּט זי זיך אויף. זעט זי ווי ס'איז שוין טאָג, דאָס אינגל אין גרינעם שפּאַנט אַוועק צו די פעלדער. קען זי אים שוין ניט רופן צוריק, ווייל ער איז שוין ווייט, ווייט. בלייבט זי זיצן מיט אַ גרויס בענקעניש אין האַרצן.

# איך מיר שרה

## (דריטע מעשהלע)



ל ו מ ט שרה פאַרטאָג. די פענצטער זיינען צעעפנט. פליען ווינטעלאַך אַריין, זעצן זיך אויפן בעטל און גלעטן שרה'ס האָר. מיינט שרה, אַז דאָס זיצט אַזוי די מאַמע אויף איר בעטל און גלעט זי, ווייל זי זיך ניט אויפּ־כאַפּן און שלאָפט ווייטער.

איז געקומען אַ פייגעלע, זיך געזעצט אויפן פענצ־טער און אָנגעהויבן צו זינגען אַ לידל.

האָט שרה געהערט אין שלאָף ווי מען זינגט, האָט זי געוואָלט אַ קוק טאָן ווער ס'זינגט דאָס. אָבער איי־דער זי האָט אויפגעעפנט די אויגן, איז דאָס פייגעלע אַוועק. האָט שרהן זייער באַנג געטאָן, וואָס זי האָט ניט געקענט דערגיין, ווער ס'האָט געזונגען.

די מאַמע, וואָס האָט זיך שוין געפּאָרעט אין קיך, האָט דערהערט ווי שרה רירט זיך שוין אין איר בעטל, האָט זי געמיינט, אַז דאָס וויל שוין שרה אויפשטיין פון שלאָף. האָט זיך די מאַמע אָנגערופן פון דער קיך:

— שלאָף נאָך, טאָכטער, שלאָף, ס'איז נאָך זייער פרי.

גיט שרה אַ דריי מיטן נעזל און גיט אַ מאַך:

— אויך מיר פרי, אויך מיר שלאָף, איך וועל זיך אַנטאָן און אַרויסגיין אין דרויסן און זוכן דעם, וואָס האָט ערשט געזונגען אין מיין צימער.

מאַכט די מאַמע פון דער קיך:

— נאָך וואָס דאַרפסטו דאָס טאָן. נאַריש קינד, ס'האָט אַ פייגעלע געזונגען און אַוועק. אָבער שרה האָט זי שוין ניט געהערט, זיך אָנגעטאָן און איז אַרויס פון שטוב.

ס'איז נאָך געווען פאַרטאָג, די גאַנצע שטאָט איז נאָך געשלאָפן, און די גאַסן זיינען געווען ליידיקע. איז שרה געגאַנגען מיט די ליידיקע גאַסן אַרויף ביז ס'האָט זיך געענדיקט די שטאָט און זי איז אָנגעקומען צו אַ גרויסן גאָרטן. דאָרטן איז געשטאַנען אַ אינגל מיט אַ טאָרבע אויף די פּלייצעס און מיט אַ שפּריצער אין די הענט און באַשפּריצט דעם גאָרטן.

גייט צו צו אים שרה און גיט אים אַ פרעג:

— הער נאָר, דו אינגל, קענסטו מיר ניט זאָגן, וואו קען איך געפינען דעם, וואָס האָט ערשט געזונגען אין מיין צימער.

מאַכט דאָס אינגל און דרייט אפילו ניט אויס זיין קאָפּ צו איר:

— גיי דיר אַוועק מיידל, און דול מיר ניט קיין קאָפּ מיט דיינע נאַרישקייט. זעסט ניט, אַז איך בין שטאַרק פאַרנומען.

האָט שׂרהן שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס דער אינגל האָט זיך אַפילו ניט אומגעקוקט אויף איר. האָט זי אַ דריי געטאָן מיטן נעזל און אַ זאָג געטאָן:

— אויך מיר שטאַרק פאַרנומען. דאָס הייסט באַ דיר פאַרנומען, אַט וועל איך דיך אַ שטופּ טאָן אין דער פּלייצע, וועסטו שוין וויסן ווי צו זאָגן: „דול מיר קיין קאָפּ ניט“.

מאַכט דאָס אינגל און קוקט זיך אום בייז:

— אַנו, פּרואוו נאָר, פּרואוו נאָר, וועסטו שוין זען, וואָס ס'וועט זיין.

האָט שׂרה ניט לאַנג געטראַכט, אַ שטופּ געטאָן דעם אינגל אין דער פּלייצע. איז דאָס אינגל אומגעפאַלן. די טאָרבע האָט זיך אויסגעשאָטן און דער שפּריצער אויסגעגאָסן.

אַז דאָס אינגל האָט דערזען אַזאַ מעשׂה, האָט ער פאַרבראָכן די הענט, געוויינט און אַזוי געטענהט: „אוי, צעפלויגן זיינען זיך די קערנדלאַך, ווי אַזוי זשע וועל איך קענען בלומען פאַרזייען. אוי, אויסגעגאָסן האָט זיך דאָס וואַסער, ווי אַזוי זשע וועל איך קענען די בלומען באַשפּריצן?“

אַז די בלומען האָבן דערהערט אַזאַ מעשׂה: האָבן זיי אָנגעהויבן צו שרייען צום אינגל:

— כאַפּ זי, פּאַק זי, ברענג זי צו אונדז, מיר וועלן איר שוין ווייזן.

אַז שׂרה האָט דערהערט אַזאַ גרויס געוויין, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן און גענומען אַנטלאָפן.

דאָס אינגל האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און איר אָנגעהויבן נאָכצולויפן.

אַזוי לויפנדיק האָט שרה אַ דריי געטאָן מיטן נעזל און אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין: אויך מיר אַנטלויפן, ווער האָט דען מורא? — האָט זי גענומען און זיך אָפּ־געשטעלט.

זעט דאָס אינגל, אַז שרה האָט זיך גאָר אָפּגע־שטעלט, קען ער ניט פאַרשטיין פאַרוואָס. בלייבט ער אויך שטיין פון דערווייטנס און האָט מורא צוגיין צו איר נאָענט. מאַכט שרה בייז: וואַרט, וואַרט, אָט וועל איך דיר ווייזן ווער ס'איז עלטער. און בײַ די ווערטער האָט זי אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צום אינגל.

אַז דאָס אינגל האָט דערזען אַזאַ מעשה, האָט ער גענומען און איז אַנטלאָפן און שרה באַלד נאָך אים. גיך, גיך און אָט באַלד וועט זי אים דעריאָגן — און האָט ער געוואָלט אָנהויבן צו וויינען, האָט דער אינגל זיך דערמאָנט אָן עפּעס און אַ פייף געטאָן. זיינען באַלד פון אַלע זייטן געקומען צולויפן אפשר הונדערט אינגלאַך מיט טאַרבעס און מיט שפּריצערס. זיי זיינען צו צו שרהן, זי אַ פּאַק געטאָן, געבונדן און געבראַכט צוטראָגן צו די בלומען. דאָרטן האָט מען זי אַוועקגע־לייגט אויף דער ערד און אַ מאַך געטאָן צו די בלומען: אָט האָט איר די שרה שייגעץ און טוט מיט איר ווי איר פאַרשטייט.

האָבן די בלומען זיך באַלד געזעצט טראַכטן, וואָס צו טאָן מיט איר.

האָבן זיי געקלערט און געקלערט, ביז וואַנעט זיי האָבן אויסגעקלערט; אַז אַלע טאָג, ווי באַלד נאָר דער מאָרגן שטערן וועט זיך באַווייזן אויפֿן הימל, זאָל זי תּיכּף ווערן אַ בלום און אַ גאַנצן טאָג וואַקסן אין גאָרטן אַנטקעגן דער היץ, און זי זאָל חלשן נאָך אַ טרונק און קיי־נער זאָל זי ניט באַגיסן. אַז ס'וועט נאָר קומען די נאַכט מעג זי ווערן אויס בלום. אַזוי אַלע טאָג.

דערווייל איז די זון פאַרגאַנגען. ס'איז געוואָרן שפּעט, שׂרה איז געגאַנגען אַ היים, זיך געלעגט שלאָפן און אויסגעלאַכט זיך פון די בלומען און געזאָגט אַזוי: „אויך מיר ווערן אַ בלום. אָט באַלד וועל איך ווערן".

די מאַמע האָט זי אויסגעפרעגט, וואו זי איז גע־ווען? אָבער שׂרה האָט ניט געוואָלט ענטפערן, אָפּ־געגעסן וועטשערע און זיך געלעגט שלאָפן.

פאַרטאָג ווי נאָר דער מאָרגן־שטערן איז אַרויס, איז געקומען אַ פייגעלע צו שׂרהס פענצטערל און אָנגעהויבן צו זינגען. האָט זיך שׂרה אויפגעכאַפּט, אָנגעטאָן זיך און אַרויס אין דרויסן, געגאַנגען לאַנג, לאַנג, ביז וואַנעט זי איז אָנגעקומען צום גאָרטן. דאָרט האָט זי זיך אַני־דערגעשטעלט אויף איין אָרט, פאַרמאַכט די אויגן, גע־וואָרן קלענער, קלענער.

אַז די זון איז אַרויס, איז אויף דעם אָרט וואו שׂרה איז געשטאַנען, געוואַקסן אַ רויטע שיינע בלום. אַ גאַנצן טאָג האָט די רויטע בלום געברענט זיך אַנט־קעגן דער זון, געחלשט נאָך אַ טרונק. אָבער קיינער האָט זי ניט באַשפּריצט. ביז פאַרנאַכט איז די רויטע

בלום געשטאַנען פאַרשמאַכט און דורשטיק.

אַז די זון האָט אָנגעהויבן צו פאַרגיין און ס׳איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער, איז די רויטע בלום פאַרשוואונדן געוואָרן און אויף דעם אָרט איז געשטאַנען צוריק „אויך מיר שרה" און האָט פאַרדרייט איר נעזל און געמאַכט: אויך מיר זיך איבערגעשראָקן און אַ היים געגאַנגען.

אַזוי אַלע טאָג. די מאַמע האָט זיך געוואונדערט נית געקענט פאַרשטיין, וואו זי ווערט פאַרפאַלן גאַנצע טעג. איז דאָך אָבער שרה אַן עקשן, האָט זי גאָר נית געקענט דערגיין באַ איר.

איינמאָל, האָבן די בלומען אין גאָרטן זיך פאַר־פוצט שענער ווי אַלע מאָל. זיך געהאַלטן אין איין סודן און שושקען. דער רויטער בלום האָט מען גאָר נית גע־וואָלט דערציילן. שפּעטער אַ ביסל. זיינען אָנגעקומען די הונדערט אינגלאַך מיט נייע טאָרבעס אויף די פּלייצעס און מיט נייע שפּריצערס אין די הענט. זיי האָבן אַלע זיך אַנידערגעשטעלט באַם טויער אין צוויי שורות און אויף עמיצן געוואַרט.

טראַכט די רויטע בלום באַ זיך: וואָס עפּעס האָבן זיך די בלומען פאַרפּוצט אַזוי שיין, וואָס סודן זיי זיך. און אויף וועמען וואַרטן די אַלע אינגלאַך. אַזוי ווי זי טראַכט, דערהערט זיך פּלוצלינג ווי די בלומען שרייען: „ער גייט שוין, ער גייט שוין". גיט די בלום אַ קוק, ס׳קומט אַן דער אינגל אין גרינעם מיט אַ קראַנץ שמעקנדיקע בלומען אויף זיין קאָפּ, גריסט זיך מיט אַלע

איינגלאַך און קומט אַריין אין גאָרטן.

אַז די בלומען האָבן אים דערזען, האָבן זיי אָנ־געהויבן מאַכן חנדלאַך צו אים, יעדער האָט אים גערופן און געזאָגט: קום אַהער צו מיר, קום אַ הער צו מיר, אינגל אין גרינעם, רייס מיך אויס, רייס מיך אויס און פאַרפלעכט מיך אין דיין קראַנץ.

דאָס אינגל אין גרינעם האָט געשמייכלט צו זיי אָבער געגאַנגען ווייטער זיין וועג. פלוצלינג דערזעט ער, בא דער זייט וואַקסט אַ שיינע רויטע בלום. גייט ער צו און רופט זיך אָן:

— רויטע בלום, ווילסט, איך וועל דיך אָפרייסן און דיך פאַרפלעכטן אין מיין קראַנץ.

דער רויטער בלום האָט דאָס האַרץ אָזש אָנגע־הויבן צו ציטערן, ווען זי האָט געזען, דעם אינגל אין גרינעם, אָבער איר קענט דאַך איר. האָט זי אַ דריי געטאָן אַ בלעטל און אַ מאַך געטאָן: אויך מיר אָפ־רייסן, ווער וויל דו זאָלסט מיך פאַרפלעכטן.

ניט דאָס אינגל אַ געשריי: „אוי, ווען איך זאָל ניט ווייסן, אַז דו ביסט אַ רויטע בלום, וואָלט איך גע־קענט שווערן, אַז דאָס איז שרה.

די רויטע בלום אָבער האָט געשוויגן. האָט שוין דאָס אינגל ניט געוואָלט אָפטרעטן פון איר, זיך אַנידער־געזעצט. אָנגעהויבן צו ריידן צו איר. די רויטע בלום האָט זיך געפרייט אין האַרצן אָבער געשוויגן.

די זון האָט זיך געזעצט, עס איז געוואָרן טונקעלער. דער אינגל אין גרינעם האָט פאַרמאַכט די אויגן און גע־

טראַכט וועגן דער רויטער בלום. געטראַכט אַזוי לאַנג, ביז וואַנעט ער האָט צוריק די אויגן געעפנט. האָט ער שוין מער קיין רויטע בלום ניט געזען. אויף איר אָרט איז געשטאַנען שרה און צו אים געשמייכלט. דער אינגל אין גרינעם האָט זיך שטאַרק פאַרוואונדערט, אויפגע־שפרונגען פון אָרט, זי אַנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און איר געבעטן און באַשוואוירן זי זאָל אים דערקלערן די זאַך.

שרה האָט פריער געדרייט מיטן נעזל, ניט גע־וואָלט, געשוויגן. דאָס אינגל אָבער האָט זי נאָך שטאַר־קער געבעטן, האָט שרה ניט געקענט אויסהאַלטן און אַ זאָג געטאָן:

אויך מיר דערציילן, אַז די בלומען, האָבן מיך גע־מאַכט פאַר אַ רויטע בלום. נו, איז וואָס? אַז אַלע טאָג מוז איך זיך ברענען אַנטקעגן דער זון. נו, איז וואָס? אַז ווי באַלד די נאַכט קומט אָן ווער איך צו־ריק שרה, נו איז וואָס? אויך מיר דיר דערציילן אַזוי־נע נאַרישקייטן.

האָט דער אינגל אין גרינעם אָפּגעטאָן מיט זיין שטעקעלע און האָט שרהן צוריק געמאַכט פאַר אַ מיי־דעלע מיט אַלע מיידלאַך צוגלייך.

# אינהאלט:

אמאל איז געווען א יתומל — 3
דער ערשטער שניי — 6
דוד — 11
דער שווארצער מאפס — 17
די שטומע מאמע — 23
יאנקעלע שנייעלע — 32
דאס שיסעלע מיט בוימל — 37
דער זיידע און די באבע פריידע (1) — 45
דער זיידע און די באבע פריידע (2) — 49
דער זיידע און די באבע פריידע (3) — 53
דער זיידע און די באבע פריידע (4) — 56
דער זיידע און די באבע — 62
אויך מיר שרה (1) — 69
אויך מיר שרה (2) — 80
אויך מיר שרה (3) — 88